STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11122

ERSHTE TRIT

Falk Heilperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַלק הײלפּערין

ערשטע טריט

כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2-טן לערניאָר

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

F. Hajlperin. — „E r s z t e T r i t“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“, B. Kleckina, Wilno

אין שאָלעכץ־וויג.

אין דעם שאָלעכץ פון אַן איי
זיצן קינדער אַלערליי;
רויטע, גרינע זייבען זיי,
וויגן זיך מיט אַ געשריי.
וויגן, וויגן, וויגן —
ווערן ניט אַנטשוויגן.

טוט אַ ווינטל גיך אַ ברום —
און דער שאָלעכץ קערט זיך אום;
טוען זיך אַ שיט אַרויס —
קליין און גרויס.

כאַפּן קינדער שטעק און עק,
קאַטשערעס און לאָפּעטעס,
און מיט גרויס געפּילדעריי
שטעלן אויף די שאָל אויפסניי,
און זיי וויגן, וויגן, וויגן,
ווערן ניט אַנטשוויגן.

דער גרויסער קניש.

וואוינט אַ באַבעצע אין וואַלד, מיט אַן אייניקל אין וואַלד, מיט אַ גרויסן גרויען הונט — קודלע.

קלייבט דער ייִנגל שוועמעלעך, באַקט די באַבע זעמעלעך; און פון גרעזלעך, פּישלעך באַקט די באַבע קנישלעך. — האָדעוועט דעם אייניקל דעם קליינינקען און קודלען.

גייט דער אייניקל צום טיש, וויינט ער:

— וויל איך, וויל אַ גרויסן קניש! שטענדיק איינע, אַלץ צו איינע, שטענדיק קליינע!

איינמאָל קומט ער אויפדערגייך, טוט אַ קוק אַריין אין קיך — ליגט אַ קניש. אַ קניש — אַ בער! גרויס און הויך און ברייט און שווער.

— באַבע, באַבע! עפן טירן! כ'וועל דעם קניש אַריבערפירן! קודלע! גיכער! כ'קען ניט רירן!

טראָגט מען, שלעפּט מען אים, דעם קניש; לייגט מען אים אַוועק אויף טיש. גייט דער קליינער, טוט אַ ביס... אַך! — אַז עס האָט געטאָן אַ בלאָז! אַז ס'האָבן זיך געטאָן אַ לאָז זיבן פייגלעך געלע-נאָז הענדום-פּענדום פון דעם קניש, — האַקען, קראַקען, דרייען, קרייען אַרום ייִנגל, אַרום טיש.

— קליינער איינער! די אַזוינער און אַזוינער! טאַרטאַר! טאַרטאַר! טאַרטאַר! טאַר! ווילסטו גאָר אַ גרויסן קניש?

— קאַרקאַר! קאַרקאַר! קאַרקאַר! קאַר! נאַ-זשע דיר אַ גרויסן קניש!

אַ מענטש איז געגאַנגען פאַרביי טייך. זעט ער: אַ ראָב טראָגט אַ מייזעלע. דער מענטש האָט אויף דעם ראָב אַ וואָרף געטאָן אַ שטיין. דער ראָב האָט דאָס מייזעלע אַיינגעלאָזן. דאָס מייזעלע איז אַריינגעפאַלן אין טייך. דער מענטש האָט עס אַרויסגענומען און געבראַכט אַהיים.

דער מענטש האָט קיין קינדער ניט געהאַט. זאָגט ער: אוי, אַז פון דעם מייזעלע וואָלט געוואָרן אַ מיידעלע! איז געוואָרן. ווען דאָס מיידעלע איז אויסגעוואַקסן, פרעגט דער מענטש ביי איר: מיט וועמען ווילסטו, טאָכטערקע, חתונה האָבן? דאָס מיידעלע האָט געענטפערט: „מיט דעם, וואָס איז שטאַרקער פאַר אַלעמען אויף דער וועלט".

דער מענטש איז אַוועק צו דער זון און זאָגט צו איר: „זון, זון! מיין מיידעלע וויל חתונה האָבן מיט דעם, וואָס איז שטאַרקער פון אַלעמען אויף דער וועלט? זאָג מיר, ווער איז דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט?"

האָט די זון געענטפערט: „דער וואָלקן איז דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט. ער פאַרשטעלט מיין שיין".

איז דער מענטש אַוועק צום וואָלקן און זאָגט צו אים: „וואָלקן, וואָלקן! האָב חתונה מיט מיין מיידעלע, דו ביסט דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט".

האָט דער וואָלקן געענטפערט: „ניין, איך בין ניט דער שטאַרקסטער. דער ווינט איז שטאַרקער פאַר מיר: ער טרייבט מיך אַרום, וווהין ער וויל".

איז דער מענטש אַוועק צו דעם ווינט און זאָגט צו אים: „ווינט, ווינט! האָב חתונה מיט מיין מיידעלע: דו ביסט דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט".

האָט דער ווינט געענטפערט: איך בין ניט דער שטאַרק־סטער. דער באַרג איז שטאַרקער פאַר מיר. ער פאַרשטעלט מיר דעם וועג.

איז דער מענטש געקומען צו דעם באַרג: „באַרג, באַרג! דו ביסט דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט. האָב חתונה מיט מיין מיידעלע!"

האָט דער באַרג געענטפערט: „ניין, איך בין ניט דער שטאַרקסטער, דער פאַצוק איז שטאַרקער פאַר מיר: ער בייסט אין מיר אויס גריבער."

איז דער מענטש אַוועק צו דעם פאַצוק: „פאַצוק, פאַ־צוק! דו ביסט דער שטאַרקסטער אויף דער וועלט. האָב חתונה מיט מיין מיידעלע."

האָט דער פאַצוק געענטפערט: „רעכט, איך וועל חתונה האָבן מיט דיין מיידעלע."

איז דער מענטש געקומען צו זיין מיידעלע און האָט געזאָגט: „דער פאַצוק איז דער שטאַרקסטער אויף דער

וועלט. ער עסט אויס לעכער אין באַרג, דער באַרג פאַר־
שטעלט דעם וועג פאַר דעם ווינט, דער ווינט טרייבט וווּ־
הין ער וויל דעם וואָלקן, דער וואָלקן פאַרשטעלט די שיין
פון דער זון. און דער פאַצוק איז גרייט מיט דיר חתונה צו
האָבן.״

אָבער דאָס מיידעלע האָט געזאָגט: וואָס זשע זאָל איך
איצט טאָן? ווי קאָן איך חתונה האָבן מיט דעם פאַצוק, אַז
איך בין אַ מיידעלע?

דעמאָלט האָט דער מענטש געזאָגט: אוי, אַז פון מיין
מיידעלע וואָלט צוריק געוואָרן אַ מייזעלע!

איז געוואָרן.

און דאָס מייזעלע האָט חתונה געהאַט מיט דעם פאַצוק.

אַ טאַנץ־ליד.

— טאַנצן וואָלט איך זייער וועלן,
נאָר איך קאָן קיין פוס ניט שטעלן.
ווייז מיר, שוועסטער, איינמאָל נאָר —
וועלן מיר טענצער זיין אַ פּאָר.

„מיטן פוס מאַך — האָפּ־האָפּ־האָפּ!
מיטן הענטל — קלאָפּ־קלאָפּ־קלאָפּ!
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
און ניט מער, ס׳איז ניט שווער.״

— מיטן פיסל — האָפּ־האָפּ־האָפּ!
מיטן הענטל — קלאָפּ־קלאָפּ־קלאָפּ!
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
יאָ, ס׳איז גאָר ניט שווער.

„איי, מיין ברודער, סאַר אַ כוואַט!
נאָכגעמאַכט אַלץ אַקוראַט.
קוק זשע ווייטער, ווי מען טוט.
קוק און נעם נאָר איבער גוט:

מיטן קעפּל — טשאַק־טשאַק־טשאַק!
מיט די פינגער— קנאַק־קנאַק־קנאַק!
אַ קנאַק אַהין, אַ קנאַק אַהער,
און ניט מער, ס׳איז ניט שווער.״

— מיטן קעפּל— טשאַק־טשאַק־טשאַק,
מיט די פינגער— קנאַק־קנאַק־קנאַק!
אַהער אַ גיי, אַהין אַ דריי —
צוועלף מאָל אַזוי.



צוגעגנבעט מײַן ברודערל.

הײַנט האָט מען מײַן ברודערל יאַנקעלען צוגעגנבעט. אין שטוב האָבן אים פליגן געביסן, און ס׳איז געווען הײס. האָט די מאַמע אים צוועקגעלײגט שלאָפן אין זײַן וועגעלע אין פירהויז. דאָרט איז לופטיק. אַלײן איז זי אַוועק קאָכן מיטאָג. פלוצלונג כאַפּט זי זיך: דאָס וועגעלע איז פוסט און יאַנקעלע ניטאָ. יאַנקעלע איז דאָך אַלײן ניט אַוועק, אַז ער איז גאָר און גאָר אַלט מער ניט ווי פיר חדשים!

האָט די מאַמע געמאַכט אַ גוואַלד. מענטשן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן. זײ האָבן זיך אויך דערשראָקן. מען האָט גענומען זוכן; אַוועקגעלאָזט זיך איבער די גאַסן, איבער די וועגן אונטער דער שטאָט; בײַ אַלעמען אויסגעפרעגט זיך: אפשר האָט מען געזען אַ פרעמדן, וואָס האָט געטראָגן אַ קינד? — קײנער האָט ניט געזען.

ס׳איז מסתמא געווען שרעקלעך. די מאַמע האָט צװײ מאָל געחלשט. איך װײס ניט, װאָס װאָלט מיט מיר געװען, װען איך װאָלט זײַן דערבײַ. באָר איך בין געװען אין שול און האָב פון קײן זאַך ניט געװאוסט.

אָבער די שרעק איז געװען אַן אומזיסטע. מען האָט יאַנקעלען געפונען. פּעסל דעם שכנס, אַ מויד פון זעקס

יאָר, האָט עס אים צוגעגנבעט און באַהאַלטן אין שפּייכלער צווישן די האָלץ.

אַז מען האָט אויף איר געשריען, פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן, האָט זי אַפילו ניט געוויינט. זי איז נאָר געוואָרן רויט פון כעס און אַ טאָפּע געטאָן מיטן פיסל:

— איך וויל אויך האָבן אַ ברודערל! למאַי אַנדערע האָבן?

זי איז טאַקע אַן איין־איינציקע. אָבער זי האָט צוויי זיידעס, צוויי באָבעס און אַן עלטער־באָבע, אַ סך פעטערס און מומעס — אַזוי פיל קרובים! איז איר נאָך אַלץ קנאַפּ. דאַרף זי נאָך פרעמדע ברידערלעך אויך גנבענען!



אַ װיגליד.

אַליע ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.
מאַך די ליבע אייגלעך צו.
היטן דיך, מיין איינציק קינד,
װעלן אָדלער, זון און װינט.

אָדלער האָט חרטה גלייך;
זון גייט באָדן זיך אין טייך;
װינט בענקט נאָך זיין מאַמען שטאַרק —
לאָזט זיך איבער טאָל און באַרג.

פרעגט די מאַמע ביי דעם װינט:
— װוּ געשלעפּט זיך ביז אַצינד?
דריי בעכט דיך ניט אָנגעזען,
װוּ ביסטו דאָס אױסגעװען?

— „שריי ניט, מאַמע, אויף דיין קינד.
כ׳בין שוין איצט אַ גוטער װינט.
קליינע פייגל שרעק איך ניט,
שיינע קינדער װעק איך ניט.“

— װוּ געשלעפּט זיך אַזוי לאַנג? —
— „ערגעץ ליגט אַ מאַמע קראַנק.
האָב איך איר דאָס קינד געהיט,
קיינער װעקן זאָל עס ניט“

אַ געפונען קינד.

אַן אָרעמע פרוי האָט געהאַט אַ טאָכטער מאַשע. איז מאַשע אינדערפרי אַרויס נאָך וואַסער און האָט דערזען: לעבן טיר ליגט עפּעס פאַרוויקלט אין שמאַטעס. מאַשע האָט אַוועקגעשטעלט די עמער און פונאַנדערגעוויקלט די שמאַטעס, ערשט עפּעס האָט פון זיי אינעווייניק אַ געשריי געטאָן: אוּ־אַ! אוּ־אַ!

מאַשע האָט זיך אָנגעבויגן און דערזען: אין די שמאַטעס ליגט אַ קינדעלע, אַ קליינטשיקס, אַ רויטינקס. דאָס קינד האָט עס אַזוי געשריען: אוּ־אַ! אוּ־אַ!

האָט מאַשע גענומען דאָס קינד אויף די הענט, אַריינגעטראָגן אין שטוב און געגעבן אים מיט אַ לעפעלע מילך. די מאַמע האָט ביי מאַשען געפרעגט:

— וואָס האָסטו עס געבראַכט?

מאַשע האָט געענטפערט:

— איך האָב געפונען אַ קינד לעבן אונדזער טיר.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— מיר זיינען אַזוי אויך אָרעם. ווי וועלן מיר נאָך האָדעווען אַ קינד? איך וועל עס אַוועקטראָגן אין קינדערהויז, זאָל מען עס ביי אונדז צונעמען.

מאַשע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און געזאָגט:
— מאַמעלע, עס וועט ניט פיל עסן. לאָז עס זיין ביי אונדז. זע, סאַר אַ הענטעלעך און פינגערלעך אין קנייטשן.
די מאַמע האָט אַ בליק געטאָן, און עס איז איר געוואָרן אַ רחמנות. זי האָט איבערגעלאָזן דאָס קינד אין שטוב. מאַשע האָט עס געהאָדעוועט, געוויקלט און געזונגען לידע־לעך, ווען זי האָט עס געלייגט שלאָפן.

דער שלאָף.

איינס, צוויי, דריי, פיר, —
קינדער קלאַפּן אין מיין טיר.

— קינדער גוטע, קומט אַריין,
וועט איר גוטע געסט דאָ זיין.

און ביי מיר אין קליינעם הויז
אין אַ רעדל זעצט זיך אויס.

זיצט און שווייגט און ביזן סוף
הערט אַ מעשהלע פון שלאָף:

— אַז דער ליבער טאָג פאַרגייט,
און אין מערב־זייט ווערט רויט,

און די זון אין פייער־פלאַם
שלאָפן גייט אין וויטן ים —

דעמאָלט ערגעץ פון דער ערד,
ניט געזען און ניט געהערט,

קומט דער אָוונט שטיל אַרויס
און גייט אום גאַס=איין גאַס=אויס.

איז נאָר ווי און ווּ ער גייט,
ווערט אַ פינצטערניש פאַרשפּרייט.

לייכט אַ לאָמפּ אין יעדן הויז,
זעצן זיך די קינדער אויס

אַרום טיש און ריידן ניט;
עסן, טרינקען, וואָס מען גיט.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק=טאַק נאָכאַנאַנד.

און אַז קינדער עסן נאָך,
מאַכט דער שלאָף דערווייל אַ לאָך

ערגעץ אונטער בעט אין דיל,
שאַרט פון לאָך זיך שטיל=שטיל=שטיל.

זעט ער: קינדער עסן נאָך —
קריכט ער צוריק אַריין אין לאָך.

זעט ער: קינדער עסן אָפּ,
— עסן אָפּ און טרינקען אָפּ —

קריכט דער שלאָף פון לאָך אַרויס,
שאַרט זיך ביי די ווענט פון הויז,

קריכט אין שיין פון לאָמפּ אַריין,
רוימט פון שיין צו מאַמעס איין:

— „האָט איר קינדער קליין און שיין —
איז שוין צייט זיי שלאָפן גיין״...

זעען מאַמעס, אַז ס׳איז שפּעט,
נעמט מען אויסבעטן די בעט.

און די קינדער — גוט און פיין
לייגן זיך אין בעט אַריין,

מאַכן זיך די אייגלעך צו,
שלאָפן איין אין גוטער רו.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק־טאַק נאָכאַנאַנד.



שטערן־רענדלעך.

אַמאָל איז געווען אַ קליין מיידעלע. פאָטער און מוטער זיינען ביי איר געשטאָרבן. זי איז געווען אַזוי אָרעם, אַז זי האָט ניט געהאַט, וווּ צו וווינען און צו שלאָפן. לסוף האָט זי שוין מער גאָרנישט געהאַט ווי די קליידער אויפן לייַב און אַ קליין שטיקל ברויט, וואָס אַ גוטהאַרציקער מענטש האָט איר געשענקט. איז זי אַזוי געווען איינע אַ פאַרוואָרלאָזטע אויף גאָר דער וועלט. איינמאָל איז זי אַוועק אין פעלד אַריין. באַגעגנט זי אַן אָרעמאַן. זאָגט ער צו איר:

— אָך, איך בין הונגעריק! גיב מיר עפּעס עסן!

דערלאַנגט אים דאָס מיידעלע איר ברויט: עס געזונטערהייט.

און זי גייט ווייטער. קומט אָן אַ קינד. וויינט עס און זאָגט:

— ס'איז מיר אַזוי קאַלט אין קאָפּ! גיב מיר עפּעס, מיט וואָס דעם קאָפּ צו פאַרדעקן.

האָט דאָס מיידל אויסגעטאָן דאָס טיכל און אַוועקגעגעבן דעם קינד. און זי איז ווייטער געגאַנגען. קומט באַך אַ קינד אַנטקעגן — אָן אַ לייַבעלע, אַ דערפראָרנס. האָט

אים דאָס מיידעלע איר לײַבל אָפּגעגעבן. אַ ביסל ווייטער איז געקומען נאָך אַ קינד אָן אַ קליידעלע. האָט אים דאָס מיידעלע אירס אַוועקגעשענקט. נאָכדעם איז דאָס מיידעלע אַריין אין וואַלד.

עס איז שוין פאַרנאַכט געוואָרן. קומט אָן נאָך אַ קינד און בעט אַ העמדעלע. טראַכט דאָס מיידעלע:

— ס׳איז שוין פינצטער. קיינער וועט מיך ניט זען. קאָן איך דעם קינד אָפּגעבן מיין העמד.

האָט זי אויסגעטאָן די העמד און אויך אַוועקגעגעבן.

און ווי זי שטייט אַזוי, און מער האָט זי שוין גאָרנישט, האָבן פלוצלונג אויף איר גענומען פאַלן די שטערן פון הימל, און פון די שטערן זיינען געוואָרן בלאַנקע רענדלעך. און אָנשטאָט דער העמד, וואָס זי האָט אַוועקגעשענקט, האָט זי באַקומען אַן אַנדערע, אַ נייע, פון פיינסטן לײַן. האָט דאָס מיידעלע די בלאַנקע רענדלעך אין העמדל צוזאַמענגעקליבן און איז געוואָרן אַ רײַכע.



די מאמע.

אין פענצטער איז נאָך פינצטער,
עס שלאָפן נאָך די קינדער.
און זי — זי גייט שוין שטילערהייט,
זי ברענגט שוין פרישע מילך און ברויט
פאַר די קליינע קינדער.

און אַלע אויף די גאַסן
פאַרגעסן אָן די קינדער.
נאָר זי — אַ שטילע, היט, באַהיט
פון אַלדאָס בייז די שוואַכע טריט
פון די קליינע קינדער.

אין אָוונט היט דער זייגער.
עס שלאָפן שוין די קינדער,
און זי — זי זיצט זיך שטילערהייט,
זי זיצט, און העמדלעך ווייסע נייט
פאַר די קליינע קינדער.

בײם קאַמין.

אין קאַמין דאָס פֿײַערל דערברענט. רויטע שאָטנס שײַנען אויף די ווענט. וואַרעמט זי בײַם פֿײַערל די הענט. און דאָס קלײנע קעצל, ווי אַ קנויל, ליגט בײַ אירע פֿיס און שלאָפֿט זיך פֿויל.

אין קאַמין דאָס פֿײַערל דערברענט. רויטע שאָטנס שײַנען אויף די ווענט. וואַרעמט זי בײַם פֿײַערל די הענט. און בײַ וואַרעמער און רויטער שײַן שלאָפֿט זי רויִק, ווי דאָס קעצל, אײַן.

אין נייעם קלאַס.

איך בין היינט געווען אין שול. מיר האָבן געלערנט אין אַן אַנדער צימער, שוין ניט אין דעם וואָס פאַראַיאָרן. דאָס איז דער צווייטער קלאַס. אויך אַ גוטער קלאַס. אויפן וואַנט הענגט אַ פור מיט היי.

דאָ פעלן עטלעכע קינדער, וואָס זיינען מיט אונדז געווען אין ערשטן קלאַס. מיין חבר לייבל, ווייס איך, איז פאַרבליבן אין דעם ערשטן קלאַס נאָך אויף אַ יאָר. ווו זיינען די איבעריקע, ווייס איך ניט. דערפאַר זיינען צוגעקומען נייע.

אין צווייטן קלאַס איז די לערערין בחמה. זי האָט מיך געפרעגט.

— ווי רופט מען דיך?

האָבן אַלע קינדער גענומען שרייען:

— יאָסעלע! יאָסעלע רופט מען אים!

איך האָב אָבער געענטפערט:

— יאָסל ראַבינאָוויטש.

איך בין שוין ניט קיין קליין ייִנגעלע, איך בין שוין אַ גרויסער. איך גיי שוין אין צווייטן קלאַס.

אַ קאַראַהאָד.

קינדער, הערט, איר ווילט מיך פאָלגן —
זעט, ווי פריש עס איז דער סאָד!
בעמט זיך אַלע פּאַר די הענטלעך,
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד!
אָט אַזוי און אָט אַזוי —
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד!

וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ גולם,
בערל, יאָסל, נו — געשווינט!
היי, אַ הייב די פיסלעך, עולם,
אַזש אַ פּאָך טאָן זאָל אַ ווינט!
אָט אַזוי און אָט אַזוי —
אַזש אַ פּאָך טאָן זאָל אַ ווינט!



די לערערין איז אַריין אין קלאַס און געשטעלט זיך ביים טישל. די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן זיך אַיינגעזעצט אויף די בענק, האָט זי קיין וואָרט ניט געזאָגט; נאָר געקוקט מיט אַ שמייכל. איך האָב גלייך געזען, אַז דאָס איז ניט קיין פּשוטער שמייכל. מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז זי האָט עפּעס צו זאָגן אַ שיינע זאַך. עס איז געוואָרן שטיל. מיר האָבן געוואַרט, זי זאָל שוין אָנהייבן ריידן. און זי האָט געזאָגט:

— קינדער! איינגיכן ווערט פינף יאָר, זינט אונדזער שול האָט זיך געעפנט. דאָס איז אַ גרויסער יום־טוב. ווילן מיר אים פייערן, אַז עס זאָל זיין פיין! וואָלט איך וועלן וויסן, וואָס לייגט איר פאָר?

קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט פאָרגעלייגט. עס איז געווען אַזוי שטיל. פּלוצלינג האָט די קליינע זעלדע זיך אַוועקגעשטעלט:

— לערערין! דאָס וועט זיין דער געבורטסטאָג פון דער שול?

און תּכף ווי זי האָט דאָס געזאָגט, איז געוואָרן פריי־לעך. אַלע האָבן גענומען מאַכן פאָרשלאָגן. עס איז אַפילו געוואָרן טומלדיק, און די לערערין האָט געדאַרפט באַרויקן.

אָבער ס'איז געווען גוט. ווי זאָל מען דעם געבורטס־טאָג פון דער שול פייערן, איז ניט באַשטימט געוואָרן. נאָר דאָס איז קלאָר געווען דערווייל: מען מוז אויספוצן אונדזער קלאַס לכּבוד דעם יום־טוב.

דאָס ליד פון ליים.

איך זיץ ניט ליידיק אינדערהיים:
האָב איך צייט נאָר, נעם איך ליים.
קנעט איך מיר אַ מייזל אויס,
מאַך אַ פייגעלע דערויס.
פון פייגעלע, נישט לאַנג געטראַכט,
ווערט אַ ציגעלע געמאַכט;
און אַ מענטשעלע דערפון!
און—וואָס איך וויל! און אויף דער זון
טריקן איך מיין אַרבעט אויס:
מענטש און ציג, און קאַץ און מויז —
וואָס איך זע נאָר אויף דער וועלט —
אונז אין פענצטער אויסגעשטעלט.



דער לערער האָט זיך געווענדט צו איינעם פון די תּלמידים אין קלאַס:

— הייַנט, יוסף, ביסטו אין שול, איז דיין ברודער משה ניטאָ. נעכטן איז געווען משה אין שול — ביסטו ניט געווען. אַלע טאָג לאָזט איינער פון אייַך דורך. דאָס איז ניט גוט.

אי יוסף, אי משה זיינען ביידע געווען פלייסיקע קינדער. דעריבער האָט זיך דער לערער שטאַרק געוואונדערט, וואָס זיי קומען אין שול אַ טאָג איבער אַ טאָג.

— איך וויל וויסן, וואָס איז די סיבה, וואָס איר באַזוכט די שול ניט פּינקטלעך? — האָט דער לערער געפרעגט.

— איך קאָן אייַך איצט ניט זאָגן, — האָט יוסף געענטפערט אַ פאַרשעמטער.

נאָך דער לעקציע איז ער אַריין אין לערער-צימער און האָט דערציילט:

— איך מיט מיין ברודער משה האָבן ביידע איין פּאָר שטיוול, דער טאַטע קאָן קיין צווייטע פּאָר ניט קויפן. אָבער גיין אין שול ווילן מיר ביידע. האָבן מיר אַזוי אָפּגעמאַכט: איין טאָג טו איך אָן די שטיוול און גיי אין שול. דעמאָלט בלייבט משה זיצן אינדערהיים. דעם צווייטן טאָג טוט משה אָן די שטיוול — זיץ איך אינדערהיים.

און ע ד ו ת.

אַלע זיינען שוין געזעסן אין קלאַס. עפנט זיך די טיר און בערל קומט אַריין.

לערער. פאַרוואָס האָסטו פאַרשפּעטיקט?

בערל שטייט ביי דער טיר, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שווייגט.

לערער. וואָס שווייגסטו? קאָנסט ניט דערקלערן?

בערל, ענטפערט אַ צערודערטער: איך בין געגאַנגען אין שול. איז זשוקל באַכגעלאָפן. האָב איך אים אָפּגעפירט צוריק אַהיים און פאַרשפּעטיקט.

לערער. ווער איז דאָס זשוקל, וואָס איז נאָך דיר באַכגעלאָפן?

אַלע קינדער: דאָס איז אַ הינטל! ער האָט אַ הינטל אַזאַ, זשוקל!

לערער. האָט דיר דאָס הינטל ניט געלאָזן גיין אין שול? עפּעס מאָדנע.

בערל מאַטערט זיך אייַנהאַלטן פון געוויין. נאָר ער קאָן ניט, און כליפּעט:

אין דערזעלביקער רגע דערהערט זיך: מען גראַבלט ביי דער טיר. דער לערער עפנט אויף, אין קלאַס שפּרינגט אַריין

אַ שוואַרץ הינטל, און גלייך צו בערלען, און גענומט אים לעקן. אַלע קוקן, וואָס וועט דער לערער זאָגן:

לערער. אָט דאָס איז זשוקל?

איינער אַ יינגל. יאָ. ער איז געקומען עדות זאָגן.

לערער. אומזיסט האָב איך חושד געווען בערלען.

אַלף־בית־לידער.

היינט איז שלומקע געקומען אין שול מיט אַ ניי לידל. ער האָט עס געהערט פון זיין עלטערן ברודער, וואָס לערנט אין אַ חדר. גלייך האָבן מיר דאָס אַלע זיך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. אָט איז עס:

א — אַוורעמל,	ט — טייערע,
ב — בערל,	י — יאָגט זיי,
ג — געגנבעט,	כ — כאַפּט זיי,
ד — ביי דוידן,	ל — לייגט זיי,
ה — אַ העקעלע,	צ — צופּט זיי,
ו — אַ וואָסערע,	ק — קלאַפּט זיי,
ז — אַ זילבערנע,	ר — רייסט זיי,
ח — חברה!	ש — שמייסט זיי!

דאָס איז אַלעמען אַזוי געפעלן, אַז מיר האָבן די גאַנצע הפסקה געשריען: אַלף — אַוורעמל! בית — בערל! האָט עס דער לערער דערהערט, און האָט אונדז פאַרגעלייענט פון

אַ בוך אַן אַנדער אַלף־בית־ליד. אין דעם ליד, וואָס שלומקע האָט געבראַכט, פעלן אותיות. אין דעם לערערס זייִנען פֿאַראַן אַלע. אָט איז עס:

אַלף, אַלף, בית —
זייט ניט, קינדער, בייז.
זאָגט מיר ווער עס ווייס:

גימל, דלת, הא —
ווו עס וואַקסט דער טיי?
און ווער לייגט אַן איי?

וָ, זַין, חת —
ווען פֿאַרבליט דער בעז?
פון וואָס מאַכט מען קעז?

טית יוד כף —
ווער היט די שאָף,
ווייס ניט פון קיין שלאָף?

למד, מם, נון —
ווו גייט אויף די זון?
פון וואָס ווערט אַ הון?

סמך, עין, פּא —
ווען צעגייט דער שניי?
און ווו וואַקסט עס היי?

צדיק, קוף, ריש —
זאָגט, ווער ווייס חוץ פלייש
נאָך אַ גראָם צו ריש?

שין, שׂין, תּו —
דאָס איז שוין דער סוף
פון אַלף און ביז תּו.

דער קליינער גרויסער מאַן.

איך בין קליין, ווייל איך בין נאָך אַ קליין קינד. און גרויס זיין וועל איך, ווען איך וועל אַלט זיין, ווי מיין טאַטע.

עס וועט קומען מיין לערער און זאָגן:

— עס איז שפּעט, ברענג דיינע ביכער און דיין העפט.

וועל איך אים ענטפערן: ווייסט ניט, אַז איך בין אַזוי גרויס, ווי דער פאָטער, און איך דאַרף שוין מער קיין לעקציעס ניט האָבן?

ער וועט זיך וווּנדערן, מיין לערער, און זאָגן: „ער קאָן שוין לאָזן צו רו זיינע ביכער, אויב ער וויל. יאָ, ער איז שוין אַ גרויסער!"

איך וועל מיך אָנטאָן און גיין שפּאַצירן אויפן יאַריד. מיין פעטער וועט צוגיין צו מיר און זאָגן:

— דו וועסט, מיין קינד, פאַרבלאָנדזשען. לאָז, וועל איך דיך אַוועקטראָגן אַהיים.

וועל איך ענטפערן: פעטער, זעסט ניט, אַז איך בין שוין אַזוי גרויס, ווי דער פאָטער? איך דאַרף אַליין גיין אויפן יאַריד.

וועט דער פעטער זאָגן: „יאָ, ער איז גערעכט, ער איז שוין אַ גרויסער."

מאַרש-ליד.

איינס, און צוויי,
און דריי, און פיר!
וואָס מיר זיינען —
זיינען מיר!
כאָטש מיר זיינען
יונג און קליין,
ווי די העלדן
דאַרף מען גיין.

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען
מיט פּויקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן!

פינף, און זעקס,
און זיבן, און אַכט.
נישט געוויינט,
און נישט געלאַכט.
נישט געשטאַנען,
נאָר נישט שטיין,
נישט געלאָפן,
גיין, נאָר גייז.

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען
מיט פּויקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן.

ניין, און צען,
און עלף, און צוועלף,
טרעפסט אַ פויער,
זאָג: גאָט העלף!
לויפט אַ פויגל,
זאָג אים: פלי!
טרעפסט אַ בלימל,
זאָג אים: בלי!

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען
מיט פּויקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן!

פינף ברידער זיינען זיי צוזאַמען, פון איין טאַטן־מאַמען, איינער גרעסער, איינער קלענער, איינער פאַר דעם צווייטן שענער. אַ קורצער און אַ פולער, ווי אַן אָנגעפּעלצטער, איז דער עלטסטער. אָן אַ זייט שטייט ער. העלפן יעדן ברודערל שטענדיק אַ גרייטער.

דער צווייטער איז אַ שטאַלטנער אַזוינער, אַ יונג מיט ביינער. אומעטום לעקט ער, אומעטום שמעקט ער, אומעטום שטעקט ער. אַלץ ווייסט ער, אַלץ ווײַזט ער, אויף אַלץ אַ מײַסטער. נאָר ס׳טרעפט, אַז טינט־פלעקן בלייבן אויף אים נאָכן שרייבן.

דער מיטעלער איז דער גרעסטער. נאָר אַן אַרבעטער ניט דער בעסטער. די מעלה איז, וואָס ער איז אַ הויכער. איז ער אַ גוטער שפּאַנען־מעסטער. אויך אַ וווילער סוחר.

דער פערטער איז אַ ייִנגעלע, וואָס האָט ליב אַ רינגעלע, מיט אַ דימענטל, אַ ברילִיאַנטל, מיט איין וואָרט: אַ פּראַנטל.

דער קלענסטער און דער דינסטער איז דער פינפטער — גאָר אַ קליינינקער. אַרבעט פאַר אַלע ברידער ווייניקער. אַ צאַרטער און אַ שוואַכער. גאָר ניט קיין גרויסער מאַכער.

נאָר ווען אַלע נעמען זיך צוזאַמען, די פינף ברידער פון איין טאַטן־מאַמען, גראָב און דין, און קורץ, און הויך — ברענט ביי זיי די אַרבעט, אַזש עס גייט אַ רויך.

אָט-אָ איז אַ הויכער באַרג, אָט-אָ — נידעריק אַ טאָל. זיצט אַ שוסטער אויפֿן באַרג מיט אַ האַמער, מיט אַן אָל. קלאַפּט דער שוסטער, קלאַפּט דריי מאָל: איינס, צוויי, דריי — אויפֿגיך. שטעכט דער שוסטער מיטן אָל — וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.

זאָגט דער שוסטער:

— שיכלעך, גייט!

גייען שיכעלעך אַוועק, ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק; גייען שיכעלעך אַרום, ווו דער שוסטער שיקט זיי אום:

— גייט נאָך ברויט!

— מיר זייַנען גרייט!

— גייט נאָך זאַלץ!

— אָט-אָ באַלד!

— גייט נאָך כריין!

— אָט-אָ שוין!

איינמאָל נעמען שיכלעך גיין; ביי אַ טויער בלייבן שטיין. קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל איינס, קלאַפּט דאָס לינקע שיכל צוויי. עפֿנט זיך אַ טיר פֿאַר זיי.

קומען שיכעלעך אַריין, זיצט אַ באָרוועס קינד אַליין. בלייבן שיכלעך דאָרטן שטיין, ווילן שוין צוריק ניט גיין. און דער שוסטער אויפֿן באַרג — וואַרט און וואַרט, וואַרט און וואַרט...

דער קליינער קוימענקערער.

I.

בערל קוימענקערער איז אַוועק אין גאַס זוכן אַרבעט. אינדערהיים איז געבליבן זיין זון אַרעלע מיט דעם געלן קאָטער.

האָט אַרעלע זיך אָנגעטאָן, אין שטיבל צוגעקליבן און דעם קאָטער אַרומגעגלעט — שיין, ציכטיק. גענומען אַ שטיקל ברויט זיך, אַ שטיקל ברויט דעם קאָטער — און פּאַרטיק.

דרייט ער זיך אויס צום קאָטער און זאָגט צו אים:

— נאָ, געלער, וואָס זאָלן מיר עפּעס איצט טאָן?

קוקט דער קאָטער אים אָן, באַלעקט זיך און דערלאַנגט אַ שפּרונג אויפן פּריפּעטשיק.

פאַלט אַרעלען איין: טאַקע, לאָמיך אויסרייניקן דעם קוימען, פאַרשפּאָרן דעם טאַטן אַן אַרבעט.

באַלד טאַקע האָט ער אויפגעזוכט דעם בעזים, צוגע־בונדן מיט אַ האַנטעך צו אַ לאַנגן שטעקן — און האָפּ! גלייך מיטן קאָטער אויפן פּריפּעטשיק. זיי האָבןביידע די קעפּ אויפגעהויבן און אַריינגעקוקט אין שוואַרצן קוימען אַריין.

דערנאָך האָט אַרעלע אַרייַנגערוקט דעם בעזים אין קוימען און מיטאַמאָל אַ ריב געטאָן אויף און אָפּ — אָך! אַז ס'האָט זיך אויף זיי אַ לאָז געטאָן אַ סאַזשע — אויף די קעפּ, אויף די פּנימער!

דער קאָטער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן, ברוגז געמאַכט ברררר. מיט די לאַפּקעס זיך די אויגן געריבן, געדרייט זיך, געטרייסלט פון זיך דעם שוואַרצן שטויב.

נאָר אַרעלע איז ניט אַראָפּ פון פּריפּעטשיק. ער האָט זיך אויף די קני אָוועקגעשטעלט, מיט איין הענטל די אויגן געריבן און מיטן צווייטן אַלץ געפירט מיטן בעזים אין שוואַרצן קוימען — אויף און אָפּ, אויף און אָפּ.

ווען אַרעלע איז פון פּריפּעטשיק אַראָפּ, האָט ער זיך פאַרוואונדערט:

— איך, ווי אַ רוח, דער קאָטער — ווי אַ טאָטער:

II.

האָט זיך די טיר דערווייל געטאָן אַן עפן אויף, און אַ מיידעלע איז אַריין. צום אָנהייב האָט זי פאַרמאַכט די אייגלעך צוליב דעם סאַזשע-שטויב, וואָס איז געווען פול די שטוב. דערנאָך האָט זי זיי געעפנט, דערזען אַרעלען און דערשראָקן זיך פאַר אים — אַזוי האָט ער אויסגעזען: פאַר-שאַרטע אַרבל, שוואַרצע הענט, און פון שוואַרצן פּנים נאָר צוויי ווייסע אויגן-פייערלעך בליצן.

אַז דאָס מיידעלע האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, האָט זי זיך צעלאַכט: וואָס ביסטו אַזוי אײַנגעשמירט?

— כ'האָב אונדזער קוימען געררייניקט. אָט, גיי צו, וועסטו זען.

— אוי, ווי שיין דו זעסט אויס! זאָג, איך האָב קיין צײַט ניט, ווו איז דײַן טאַטע? מען דאַרף ביי אונדז אויס־קערן דעם קוימען.

— מײַן טאַטע איז אַוועק אין גאַס. איך קען גיין.

— ביי אונדז דאַרף מען קערן פון דאַך. דו וועסט ניט אַראָפּפאַלן? ביי אונדז איז זייער אַ הויכער דאַך.

— נאָ, אַ גרויסער קונץ. מײַן טאַטע קריכט אויף די העכסטע דעכער, און איך קען שוין אויך.

אַרעלע האָט אַ נעם געטאָן דעם בעזים, אויפגעזוכט אַ געוויכטל מיט אַ שטריק און זאָגט:

— נו, קום.

דאָס מיידעלע איז אַרויס, נאָך איר — אַרעלע, נאָך אַרעלען — דער קאָטער.

III.

קומען זיי צום מיידלס הויז, ווייזט זי אים:

— זעסט, ווי הויך ס'איז? וועסטו קענען?

אַרעלע ענטפערט אַפילו ניט און נעמט זיך קריכן אויפן לייטער.

— קיצי! קיצי! — רופט ער.

און דער קאָטער קריכט אים נאָך.

אינמיטן שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אַרויף, אַראָפּ; ווערט עטוואָס צעטראָגן, דערשרעקט זיך אַ ביסל און לאָזט דעם קאָטער אויף פריער.

דער געלער טוט לעבעדיק אַ פּלי אַרויף. אַרעלע ווערט ביי זיך פעסטער. ער קריכט העכער, העכער, אַ שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל. מיט די הענטלעך, ווי מיט שטאָלענע צווענגלעך, כאַפּט ער זיך פאַר זיי אָן—און אויפן דאַך אַרויף.

קינדער האָבן זיך צונויפגעקליבן, פאַררייסן די קעפּ אַרויף און קוקן. איין ייִנגל שרייט:

— אָט פאַלסטו אַראָפּ, אָט!

אַ צווייטער שרייט:

— אַרעלע! גיין אַראָפּנעמען דיך?

אַ דריטער שרייט:

— אַרעלע־באַרעלע! ביסט אַ נאַרעלע!

נאָר אַרעלע האָט אויף אַלע פיר אַרויפגעקלעטערט צום קוימען. מיט אים דער קאָטער, וואָס טראָגט אויפן האַלדז די שטריק. ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, גענומען זיך פאַר דער אַרבעט. דער בעזים האָט פריילעך געטאַנצט אויף און אָפּ, אויף און אָפּ.

פליצלונג האָט אַרעלע דערפילט, ווי עמעצער האָט אים אַרומגענומען פון הינטן. דאָס איז געווען זיין טאַטע.

— אָט אַזוי! אַ ווילער זון! — האָט דער טאַטע געזאָגט. — דו פאַרשפּאָרסט מיר שוין די אַרבעט. אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו מיר שוין אינגאַנצן פאַרשפּאָרן, און איך וועל גאָר רוען.

און די קאַץ האָט אויפן ראַנד פון קוימען אויסגעדרייט דעם רוקן, ווי אַ בייגל:

— מיאַו, יאָ, אַוודאי.

ר ע ט ע נ י ש ן.

אַזאַ פּאַנע, אַזאַ פּאַנע
זיצט אויפן דאַך,
און רויכערט אַ ליולקע.

דרייט זיך אַרום, דרייט זיך אַרום,
און שטעלט זיך אין ווינקעלע.

וואָס פאַר אַ לעפל איז אָן אַ שטיל,
וואָס פאַר אַ מילנער איז אָן אַ מיל?

דער פעטער איטשע.

ס'האָט זיך פעטער איטשע
אויסגעלערנט שניידעריי.
מאַכט ער אַלטע סערמיגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־ניי.
מאַכט ער אַלטע סערמיגעס,
פונקט ווי שפּאָגל ניי.

קומט ער אין אַ דערפל אָן
מיט דעם נאָדל־פּאָדים,
הענגט ער אויס אַ וויוועסקע: *)
„דאָ פאַרריכט מען בגדים.״
הענגט ער אויס אַ וויוועסקע:
„דאָ פאַרריכט מען בגדים.״

זיצט דער פעטער אויפן טיש
טערקיש־תּמעוואַטע,
טרענט, און ניצעוועט, און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.
טרענט, און ניצעוועט, און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אויסגעלאַטעוועט איין דאָרף,
גייט ער אין אַ צווייטן,
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנײַטן.
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנײַטן

ס'האָט זיך פעטער איטשע
:וויסגעלערנט שניידעריי.
מאַכט ער אַלטע סערמיגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־ניי.
מאַכט ער אַלטע סערמיגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־ניי.

*) אַ וויוועסקע — אַ שילד.

דער מייסטער.

I.

ביי בערע-לייב דעם שמיד איז געווען א לערן-יינגל, יודל. איז יודל פון באַגינען ביז זון-אונטערגאַנג געשטאַנען מיטן באַלעבאָס ביי דער אַרבעט. יודל האָט געצויגן דאָס הענטל פון בלאָז-זאַק, און אַז דאָס אַייזן האָט אָנגעהויבן גליען, האָט עס בערע-לייב געדרייט מיט דער צוואַנג אויף דער קאָוואַדלע, און יודל האָט געשלאָגן מיטן גרויסן האַמער.

יודלען האָט זיך שוין געוואָלט טאָן אַן אַרבעט אַליין, נאָר בערע-לייב האָט אים ניט צוגעלאָזן.

— פריער קוק זיך צו, דערנאָך וועל איך דיך צולאָזן מיט דער צוואַנג צום אַייזן.

יודל האָט געשוויגן, און אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז ער קאָן אַזוי די אַרבעט, ווי בערע-לייב, און אפשר נאָך בעסער. בערע-לייב צירקלט שוין צופיל און איז אַ גרויסער מאַרודניק.

— אָט אַז איך וואָלט מיך געשטעלט ביי דער קאָוואַד-לע, וואָלט ער שוין זען, וואָס יודל קאָן!

מאַכט זיך אַמאָל, אַז בערע-לייב איז אַוועקגעפאָרן קויפן אַייזן. האָט יודל ניט לאַנג געטראַכט, געעפנט די קוז-ניע, פונאַנדערגעלייגט אַ פייער, געכאַפּט אַ גרויסן שטיק אַייזן און אַריינגעשטעקט עס אין גלי-אויוון. ער האָט זיך

אַרומגעבונדן מיטן רימענעם פּאַרטעך און גענומען צ׳יען דאָס הענטל פונם בלאָז-זאַק.

דאָס הענטל סקריפּעט: ניטע, ניטע, קענסט ניט, נעם זיך ניט. אָבער יודל פלאַמט פון פרייד. ער וועט אויסשמידן אַ זאַך, וואָס וועט שוין זיין איינמאָל אַ זאַך!

.II

וואָס אָבער זאָל עס זיין? — טראַכט יודל.

און דער שטערן שוויצט ביי אים, און די אויגן פינקלען.

— אַהאַ, איך ווייס! איך וועל מאַכן אַן אַקעראַייזן. ס׳איז אַ גוטער איינפאַל.

ער האָט פלינק אַרויסגעכאַפּט מיט דער צוואַנג דאָס גליענדיקע אַייזן, אַרויפגעלייגט אויף דער קאָוואַדלע און גענומען האַקן מיטן האַמער. אַ פייערדיקער האָגל האָט גענומען שפּריצן אין אַלע זייטן. יודל קוועלט און זינגט אונטער דער באָז:

אַי, האַמערל, קלאַפּ!
אַי, אַייזנדל, שריי!
אַי, יודעלע קלאַפּ!
די צייט גייט פאַרביי.
דאָס אַייזנדל גליט.
שמיד, יודעלע, שמיד!

גייט זיך פאַרביי אַ היפּש ביסל צייט, און פון אַן אַקער-אַייזן איז נאָך קיין סימן ניטאָ.

— ע, — טראַכט יודל, — קענטיק נאָך ווייניק געקלאַפּט.

הייבט יודל אָן צו האַמערן אַזוי, אַז אין גאַנצן דאַרף זייַנען די טעפּ צעפּאַלן פון די פּאַליצעס. ער אָבער האַמערט און האַמערט.

האָט זיך דאָס אַייזן אויסגעצויגן, ווי אַ בלאַט לאָקשן.

III.

זאָגט יודל: אויב אַזוי, מאַכט מיר אויך ניט אויס! איך וועל פון דעם בלאַט מאַכן אַ האַקמעסער. אויך אַ רעכטע כּלי.

נעמט ער אין דער לינקער האַנט דעם האַמער מיטן שאַרפן קאַנט. ער וויל דאָס אַייזן אַרומשניידן, עס זאָל אויסקומען האַלבקיילעכיק, ווי אַ האַקמעסער דאַרף צו זיין. טרעפט ער ניט צו דער מאָס. רק ער האַקט אָפּ צו גרויסע שטיקער, מאַכט שפּיצן. וויל ער פאַרגלייכן, און האַקט ווייטער.

גיט יודל אַ קוק: עס איז שוין ניטאָ מער, וואָס צו האַקן. אויף דער קאָוואַדלע איז געבליבן גאָר אַ קליין שטיקעלע אַייזן. טראַכט ער זיך:

איך דאַרף אויף כּפּרות אַ האַקמעסער. איך וועל בעסער מאַכן אַ מעסערל. אַ פיין מעסערל, עס זאָל בלאַנקען, ווי אַ שפּיגל!

.IV

שרויפּט יודל אַיין דאָס איבערגעבליבענע שטיקל אַייזן אין וואַרשטאַט און נעמט עס פּיילן מיט אַ פּייל.

דער פּייל ראַצט און גרילצט און יודל זינגט זיך אונטער דער נאָז.

גראַבל, גראַבל, פּיילכעלע,
שלייף מיר אויס אַ מעסערל,
בלאַנקען זאָל דאָס קלינגעלע,
שפּיגלען ווי אַ וועסערל.

אָבער דאָס מעסערל וויל ניט בלאַנקען, כאָטש צערייס זיך. ווייל אַ מעסער מאַכט מען פון שטאָל, דעמאָלט קאָן עס בלאַנקען. יודל וויל אָבער דערפון ניט וויסן. שמירט ער מיט דער פּייל אַהין און אַהער. דער וואַרשטאַט וויגט זיך אונטער אים, דאָס שטיקל אַייזן קוויטשעט: קריינעלעך! וואָס וויל ער פון מיר האָבן?

און יודל פּיילט אַלץ. ער פּיילט אַזוי לאַנג, ביז עס איז שוין ניטאָ, וואָס צו פּיילן. קופּקעלעך אַייזן־שטויב זייבען נאָר געבליבן אויפן וואַרשטאַט.

שטייט יודל און קוועלט:

— זעט נאָר! סאַר אַ שיינע קופּקעלעך איך האָב געמאַכט! אַי, יודל, ביסטו אַ מייסטער!

אונדזער קלאַס איז געגאַנגען אויף דער ציגל-פאַבריק אונטער דער שטאָט. מיר האָבן געזען, ווי מען האָט דעם ליים געקנאָטן, געריייניקט, נאָכדעם געלייגט אין פאָרמעס — אין אַזעלכע פּירקאַנטיקע לענגלעכע קעסטעלעך, און עס זיינען אַרויס ציגעלעך. די נאַסע ציגל טריקנט מען אונטער אַזעלכע דעכער, וואָס הענגען אויף סלופּעס. נאָכדעם ברענט מען זיי.

אַז איך האָב מיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט, האָב איך געזאָגט: איך וואָלט עס אויך געקאָנט. דאָס האָט דערהערט אַן אַרבעטער. זאָגט ער צו מיר: — רעכט, נאַ דיר די פאָר-מע, פּרוּוו זיך. איך האָב גענומען לייגן דעם ליים אין דער פאָרמע, אָבער ער האָט זיך מיר געקלעפּט צו די הענט. קוים וואָס איך האָב די פאָרמע אָנגעפילט. און אַז איך האָב זי אויסגעטרייסלט, איז אַרויס ניט קיין ציגל, נאָר עפּעס אַזוי אַ שטיק ליים.

— ע, — האָט דער אַרבעטער צו מיר געזאָגט. — צו לאַנג געדויערט עס ביי דיר. מען קאָן זיך גוט אויסשלאָפן ביז דו וועסט מיר מאַכן אַ ציגל. זע, ווי מען דאַרף אַרבעטן!

ער האָט דערלאַנגט אַ שטעך די פאָרמע אין ליים אַריין, געטאָן אַ שאַר מיט דער האַנט, אַ קלאַפּ — און שוין: אַרויס אַ פיינער פּירקאַנטיקער ציגל. דאָס האָט געדויערט איין רגע.

די חברים, וואָס האָבן עס געזען, האָבן פון מיר געלאַכט. איך האָב מיך פאַרשעמט. די חברים מיינען, אַז איך בין אַ באַרימער. אָבער איך האָב מיך גאָר ניט געוואָלט באַרימען. איך האָב טאַקע באמת געמיינט, אַז איך וועל אויך קענען. ווען איך האָב געקוקט פון דער זייט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מאַכן אַ ציגל איז גאָר קיין קונץ ניט.

דער נאַכט־וועכטער.

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און פינסטער.
נעפּלדיק און נאַס;
אין די הייזער רוען אַלע.
טויט און שטום איז גאַס.

עלנט שלעפּט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום.
אין די שטילע הייזער קוקט ער
טרויעריק און שטום.

דאָרט אין ווייכן וואַרעם בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט!
אוי, ווי וואָלטן זיינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

מאָטל דעם חזנס דערציילט וועגן יאַריד.

גאַנץ פרײַ האָט זיך אויסגעשטעלט אַ יאַריד אין שטעטל. ווײַבאַלד אַ יאַריד, מוז איך דאָרטן זײַן. איך האָב ליב אַ יאַריד דאָס חיות. ייִדן לויפן אַרום, ווי פאַרסמטע מײַז, שוויצן, רײַסן די פּויערים פאַר די פּאָלעס. די גויים האָבן צײַט, זיי גייען דווקא פּאַוואָלי, די היטלען אַרויף, קראַצן זיך, דינגען זיך. איך זאָג אײַך: מען דאַרף ניט קיין טעאַטער!

שענער פון אַלץ איז אויפן פערד-מאַרק. דאָרט קויפט מען און מען פאַרקויפט פערד. דאָרט זעט איר פערד, ציגײַנער, ייִדן. פּריצים קנאַקן מיט בײַטשן, און פערדלעך לויפן אַהין און אַהער פּויל אויסן בויגן. איך האָב ליב צו קוקן, ווי פערדלעך לויפן, און ווער שמועסט נאָך לאָשעקלעך.

די פערד לויפן, די לאָשעקלעך לויפן נאָך די פערד, איך לויף נאָך די לאָשעקלעך. אַלע לויפן מיר. אויף לויפן בין איך אַ פײַער. איך האָב זייער גרינגע פיס. דערצו גיי איך באָרוועס און זייער לײַכט אָנגעטאָן: אַ העמדל, הויזן און פּונאויבן אַן אַרבע-כנפות. אַז איך לויף אַראָפּ-באַרג, און ס'איז אַ ווינטל, און די ציצית צעלאָזן זיך, — מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פליגל און איך פלי.

איך האָב ליב אַ יאַריד, דאָס חיות!

קויפט, קויפט, קונים!

קויפט, קויפט, קונים!
איך האָב אייך צו פאַרקויפן:
אַ פערדעלע, אַ וועגעלע
אויף רייטן און אויף לויפן.

פּאַיאַצעלעך און שמענדריקלעך
מיט קאָלפּאַקלעך און גלעקלעך,
מיט רויטע, געלע הייזעלעך,
מיט אָנגעפאַרבטע בעקלעך.

קויפט, קויפט, קונים!
מיר וועלן זיך נישט דינגען.
כ'האָב מענטשעלעך, פּאַיאַצעלעך,
וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען.

כ'האָב פערדעלעך און צימבעלעך,
כ'האָב פּויקן און טרומייטן.
איר קריגט זיי ניט אין ערגעץ ניט
אין גאַנצער שטאָט אין קלייטן.

טאָ קומט, קומט, קונים,
באַקאַנטשאַפט מיט מיר מאַכן!
כ'האָב צאַצקעלעך און שפּילעכלעך
און אַלע גוטע זאַכן.

מאַטל דעם חזנס דערציילט ווי ער האָט פאַרקויפט קוואַס.

אונדזער קוואַס, וואָס מיין ברודער אליהו מאַכט, איז ניט קיין בוטל־קוואַס. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט, קאָן איך אייך ניט זאָגן. מיין ברודער אליהו לאָזט קיינעם ניט צו, בשעת ער מאַכט אים. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. נישט איך, נישט די מאַמע, נישט מיין שוועגערין ברכה,—קיינער האָט נישט די זכיה צו זיין דער־ביי. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זיין אַ סוד, קאָן איך אייך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך: וואַסער מער פון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס.

געמאַכט דאָס ערשטע פעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פאַרקויפן אים אויף דער גאַס זאָל איך. מיין ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן: דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט אויף אַ שטריקל, דאָס גלאָז אין דער אַנדער האַנט, און כדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך און מיט אַ ניגון אָט אַזוי:

ייִדן, אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס —
אַ דערקוויקעניש!

אַ קול האָב איך אַ שיינס. האָב איך געגעבן אַ זונג אַרויס אויף אַ קול:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ ייד!
אַ קוויק און אַ קאַלט. —
אַ דערטרינקעניש!

איך ווייס ניט: צי מיין געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן, צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט. איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספאַרקויפט אין איין האַלבער שעה. מיין ברודער אליהו האָט מיר באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. איך לויף, נאָך מיר לויפן נאָך ייִנגלעך, שקצים. זיי קרימען איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיטן קאָטער. איך זע, וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג, און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג.

דער טאַטע אָן אַרבעט.

איך האָב געבעטן די מאַמען:

— קויף מיר, מאַמע, אַ פּאָר קאַלאָשן.

האָט מיר די מאַמע אַזוי געענטפערט:

— אַז דער טאַטע וועט קריגן אַרבעט, וועל איך דיר קויפן.

איך האָב געבעטן מײַן טאַטן:

— טאַטע, מען דאַרף באַצאָלן אין שול.

האָט מיר דער טאַטע געענטפערט:

— אַז איך וועל אָנהייבן אַרבעטן, וועל איך שוין באַצאָלן.

מײַן שוועסטערל דבורה האָט געוויינט. האָב איך איר געזאָגט:

— דבורהלע, אַז דער טאַטע וועט קריגן אַרבעט, וועל איך דיר קויפן אַ שאָקאָלאַדע אַ גרויסע.

האָט דבורהלע געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט דער טאַטע קיין אַרבעט ניט?

איך האָב ניט געוווּסט.

אַ בריוו.

היינט האָט אונדז די לערערין דערציילט וועגן אַ ייִנגל, וואָס האָט געשיקט אַ בריוו צו זיין זיידן.

דאָס ייִנגל האָט מען גערופן וואַניע. קיין טאַטן־מאַמען האָט ער ניט געהאַט. געהאָדעוועט זיך ביי זיין זיידן. דער זיידע האָט געוווינט אין דאָרף. ער איז געוועזן אַ שומר. ער האָט געוואָלט, וואַניע זאָל זיין אַ באַלמעלאָכע. האָט ער אים אַוועקגעגעבן אין שטאָט אריין צו אַ שוסטער. וואַניע האָט זייער ליב געהאַט דעם זיידן, דעם דאָרף, דעם זיידנס הונט פילקע. אין שטאָט איז ער געוועזן ביי אַ בייזן באַלעבאָס, איינער אַליין. האָט ער שרעקלעך געבענקט. ער האָט ביי־נאַכט ניט געקענט שלאָפן פון בענקשאַפט.

איינמאָל איז וואַניען געוואָרן זייער ביטער, ער האָט באַשלאָסן אָנשרייבן אַ בריוו צום זיידן, בעטן אים, ער זאָל אים צוריק נעמען צו זיך. ער האָט געקראָגן אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ קאָנווערט און שרייבן האָט ער אַ ביסל געקענט פון דער היים. האָט ער זיך געזעצט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, און האָט אָנגעשריבן:

טייערער זיידע! מיר איז אין שטאָט ביטער. מיר איז נמאס דאָס לעבן. ראַטעווע מיך, נעם מיך צו פונדאַנען צו־

ריק צו דיר. איך וועל דיך פּאָלגן אין פייער און אין וואַסער. איך וועל פיטערן די טשערעדע. ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועסטו אַ גאַנצן טאָג ליגן אויפן אויוון און איך וועל דיר געבן עסן. נאָר לאָז מיך דאָ ניט. און איך גערים דיר זייער האַרצלעך. און איך גערים האַרצלעך אַלע שכנים. און וואָס מאַכט דער הונט פילקע? פון מיר דיין אייניקל וואַניע.

ער האָט דעם בריוו אַריינגעלייגט אין קאָנווערט און אָנגעשריבן אויפן קאָנווערט: אין דאָרף אַריין, צו מיין ליבן זיידן. און האָט דעם בריוו אַראָפּגעלאָזן אין פּאָסטקאַסטן.

עטלעכע ייִנגלעך האָבן געלאַכט דערפון, וואָס וואַניע האָט ניט געוווּסט, ווי מען דאַרף שרייבן אַן אַדרעס. אַנדערע איז אויף אים געווען אַ רחמנות. מיר אויך.

נעכטן זײַנען מיר אַלע אַרױסגעלאָפֿן פֿון הױף — אַלע קינדער פֿון אַלע קלאַסן.

מיר האָבן דערהערט, װי עס קלינגט — גיך-גיך, און הױך.

און רעדער טראַסקען איבערן ברוק.

מיר האָבן געזען, װי די פֿײַערלעשער פֿאָרן. די פֿערד לױפֿן משוגענערװײַז. און עס קלינגט און קלינגט.

אײנער שטײט אױף אַ װאָגן מיט אַ גלאָק און קלינגט. דער גלאָק איז גרעסער, אײדער דער גלאָק פֿון אונדזער שול. אונדזער גלאָק איז אַ געלער. דער גלאָק איז אַ װײַסער.

פֿולע פֿורן מיט פֿײַערלעשער אין מעשענע היטלען און מיט מעשענע דאַשקעס פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן.

און אױף די פֿורן — לײטערס און קישקעס. הינטער זײ — פֿורן מיט פֿעסלעך. אין די פֿעסלעך — װאַסער. דאָס װאַסער איז צום לעשן דאָס פֿײַער.

איך װאָלט געװאָלט זײַן אַ פֿײַערלעשער מיט אַ האַק!

— װוּ ברענט עס?

— װוּ איז דאָס פֿײַער?

אַזױ האָבן אַלע געפֿרעגט, און קײנער האָט ניט געװוּסט. ייִנגלעך זײַנען נאָכגעלאָפֿן.

קײנער װײס ניט, װוּ עס ברענט. נאָר די פֿײַערלעשער װײסן.

פֿון װאַנען האָבן זײ עס געװוּסט?

מאָטל דעם חזנס דערציילט, ווי ער איז געפאָרן אויף דער באַן.

מאָטל דעם חזנס איז געפאָרן קיין אַמעריקע מיט דער מאַמען און מיטן ברודער אליהו און מיט דער שוועגערין ברכה און מיטן ברודערס חבר פּיני און מיט פּיניס ווייב טייבל. דערציילט מאָטל, ווי אַזוי זיי זיינען אַלע געפאָרן אין וואַגאָן.

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן, וויבאַלד אַז מען האָט דאָס בעטגעוואַנט אַוועקגעגעבן אין באַגאַזש. איך בין אייך שוין מוחל דאָס שלאָפן. איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל כאָטשי זיין, ווו צו זיצן. ווי אויף צו להכעיס איז אין וואַגאָן אַזוי ענג, אַז מען קאָן דערשטיקט ווערן. חוץ אונדז פאָרן נאָך אַ סך פּאַרשוינען, יידן און קריסטן, און מען שלאָגט זיך פאַר די ערטער. איבערן בעטגעוואַנט, וואָס מען האָט געמוזט אַוועקגעבן אין באַגאַזש, האָבן מיר פאַרשפּעטיקט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבן קוים באַזעצט די ווייבער מיט די פּעקלעך אויף דער ערד. די מאַמע אין איין זייט וואַגאָן, ברכה און טייבל אין דער אַנדער זייט וואַגאָן. אַז זיי ווילן ריידן, מוזן זיי שרייען הויך איבערן גאַנצן וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מיין ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיני זיינען געבליבן הענגען, ווי

אינדערלופטן, ניט אַהין און ניט אַהער. און איך? פאַר מיר זאָרגט אַייך ניט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכנט. מען קוועטשט מיך פון אַלע זייטן. איך שטיי אָבער בײַ אַ פענסטער. דאָס, וואָס איך זע, האָט איר געוויס קיינמאָל ניט געזען. פאַרבײַ מײַנע אויגן פליען שטיבער, וויאָרסטן, ביימער, מענטשן, פעלדער, וועלדער — און ווי אַזוי פליט די באַן! און ווי אַזוי קלאַפּן די רעדער! ווי אַזוי טראַסקעט דאָס! ווי אַזוי פײַפט דאָס! ווי אַזוי קוויטשעט דאָס!

די מאַמע האָט מורא, איך זאָל ניט אַרויספאַלן דורכן פענסטער, שרײַט זי אַלע מינוט אויף אַ קול:

— מאָטל! מאָטל!

זי הערט ניט אויף צו שרײַען:

— מאָטל! מאָטל!



עס דערהערט זיך אַ פייף פון קאָנדוקטאָר. דער לאָקאָמאָטיוו ענטפערט מיט אַ פייף.

אָט טוט ער זיך פאַמעלעך אַ ריר און הייבט אָן סאָפּעדיק צו ריידן מיט די וואַגאָנעס: אַך, ווי שווער! אַך, ווי שווער! אַך, ווי שווער!

און די וואַגאָנעס ענטפערן אים:

— נו, איז וואָס? נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?

דער לאָקאָמאָטיוו הייבט אָן גיין גיכער, און שוין פריילעכער צו ריידן מיט די וואַגאָנעס:

— אַך, הייס געוועןן! אַך, הייס געוועןן!

נאָר די וואַגאָנעס קלאַפּן בייז: — אונדז איז ניט קיין דאגה! אונדז איז ניט קיין דאגה! אונדז איז ניט קיין דאגה!

דער לאָקאָמאָטיוו איז אַרויף אויף דער בריק, האָט זיך זייער דערשראָקן און אָנגעהויבן קרעכצען:

— אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי שרעקלעך!

און אז ער איז שוין די בריק אַריבערגעגאַנגען, האָט ער זיך שוין באַרויקט און אָנגעהויבן שטיל צו שעפּטשען:

— איצט איז גוט! איצט איז גוט! איצט איז גוט!

קלעזמער.

מיט דעם סמיטשיק אויפן באַס
שפּילט אַ בער אינמיטן גאַס:
בו בו בו! בו בו בו!

פּויקט אַ העלפאַנד — טרעפט מיט וואָס?
אין אַ פּייקל מיט דער נאָז:
בים בים באָם! בים בים באָם!

מיט די טאַצן קלינגט אַ קאַץ,
פריילעך רייבט זי טאַץ אָן טאַץ:
טשים טשים טשאָם! טשים טשים טשאָם!

אויף אַ פייפל שפּילט אַ גריל,
זאָל גיין טאַנצן ווער עס וויל:
צריל צריל צריל! צריל צריל צריל!

א מעשה מיט אַ שטיינדל אַ באַרימערל.

אַ שווערער וואָגן איז דורכגעפאָרן איבערן גאַס און אַרויסגעריסן אַ שטיינדל פון ברוק.

— אָהאָ, — האָט זיך דאָס שטיינדל געגומען באַרימען. — מיר האָט זיך געוואָלט אַרויס פון דער קלעם, בין איך אַרויס.

איז צוגעלאָפן אַ ייִנגל און אויפגעהויבן דעם שטיינדל אינדערהייך. מאַכט דאָס שטיינדל:

— זעט איר: מיר ווילט זיך ניט וואַלגערן אויף דער ערד, האָב איך מיך אויפגעהויבן.

נעמט דער ייִנגל און טוט דאָס שטיינדל אַ שליידער. מאַכט דאָס שטיינדל:

— איך אַליין פלי עס, איך האָב ליב צו פליען אינ- דערלופטן.

האָט דאָס שטיינדל זיך דערלאַנגט אַ זעץ אין אַ שויב. האָט די שויב דערלאַנגט אַ גרילץ מיט כעס, אָבער דאָס שטיינדל האָט אויף איר געגומען שרייען:

— וואָס שטייסטו אין וועג? קענסט זיך ניט אָפּרוקן אָן אַ זייט? איך האָב פיינט, אַז מען שטערט מיר.

דורך דער צעבראָכענער שויב איז דאָס שטיינדל אַריינ־געפאַלן אין שטוב און געבליבן ליגן אויף אַ בעט. קוקט עס זיך אַרום און זאָגט:

— נו, געוויס, פריער האָט זיך מיר געגלוסט צו פליען. איצט בין איך מיד, וויל איך מיך אַ ביסל אויסרוען אויף אַ פּערענע.

דערווייל איז געקומען די באַלעבאָסטע און האָט דאָס שטיינדל אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן אויפן ברוק. מאַכט דאָס שטיינדל צו די חברים:

— וואָס מאַכט איר, טייערינקע! איך בין געוועזן אין אַ פּאַלאַץ, גערוט אויף ווייכע בעטן. נאָר ווייסט איר, זיי געפעלן מיר ניט, די פּריצים פון די פּאַלאַצן. איך האָב מיך פאַרבענקט נאָך אַייך, טייערע חברים!



מיין קעצעלע.

פֿאַראַן ביי אונדז אַ קעצעלע
אַ קלײנינקס אַזאַ־אָ.
די מאַמע זאָגט: דאָס טויג אונדז ניט,
מיר אָבער טויג עס יאָ.

אַזוי איז עס אַ שוואַרצינקע,
נאָר פּיסלעך ווייס ווי שניי.
צוויי גלאַנציק־קלײנע ווענצעלעך,
וואָס שטענדיק פּוצט זי זיי.

די מאַמע האָט דאָס קעצעלע
פֿאַר מייזעלעך געבראַכט.
שפּילט זיך דאָס אַ גאַנצן טאָג
און שלאָפֿט זיך גאָר ביינאַכט.

אַך, איז דאָס אַ לעבעדיקס!
איך שפּיל מיט דעם אין האָף.
עס דראַפּעט מיר די הייזעלעך
און קריכט מיר אויפֿן קאָפּ.

איך קיצל אין די אײערלעך
די גלאַטע, ווי אַ פּליוש.
פֿאַרמאַכן זיך די אייגעלעך,
דאַן גלעט איך זיי און קוש.

און אַז צוריק זי עפֿנט זיי —
בין איך שוין גאָר ניטאָ.
זי שפּרינגט, און טאַנצט, און זוכט מיך אום,
און זוכט אַ גאַנצע שעה.

זי זוכט מיך אינעם אייוועלע,
אין קריגעלע, אין טאָפּ.
און פֿון דער הויכער פּאָליצע
מיר פֿאַלט זי אויפֿן קאָפּ.

פֿאַראַן ביי אונדז אַ קעצעלע,
אַ קלײנינקס אַזאַ־אָ.
די מאַמע זאָגט: דאָס טויג אונדז ניט,
מיר אָבער טויג עס יאָ.

ח נ ה ל ע.

I.

גייט חנהלע די יתומה מיט איר ברודערל משה איבערן פעלד. און הייס איז געווען, די זון גיסט פלאַמען אויף דער ערד, און משהלע וויל טרינקען. זאָגט ער:

— חנהלע, איך וויל טרינקען!

— וואַרט, משהלע, באַלד וועט זיין אַ ברונים,—טרייסט אים חנהלע.

גייען זיי ווייטער. און הויך איז די זון, און אַ ברונים איז ווייט. עס פייניקט די היץ, און עס מאַטערט דער דאָרשט. שטייט ביים וועג אַ קאָרעטע מיט וואַסער פאַר פערד. זאָגט משהלע:

— חנהלע, איך וועל טרינקען פון דער קאָרעטע!

— מען טאָר ניט! — זאָגט חנהלע, — וועסט ווערן אַ פערדעלע.

משהלען ברענט אין מויל, שטוייס גיסט פון אים. קוים וואָס ער אָטעמט. אָבער ער שטאַרקט זיך און גייט וויי- טער. און הויך איז די זון, און אַ ברונים איז ווייט. עס פייניקט די היץ, און עס מאַטערט דער דאָרשט. שטייט ביים וועג אַ קאָרעטע מיט וואַסער פאַר קי. בעט זיך משהלע:

— איך וועל טרינקען פון דער קאָרעטע!

אָבער חנהלע הייסט ניט: — מען טאָר ניט, וועסט ווער אַ קעלבעלע!

גייען זיי ווייטער. די פעלדער פלאַמען פון היץ. קיי ווינטעלע ניטאָ. מיט וואָס צו אָטעמען ניטאָ. גייען זיי און גייען. און הויך איז די זון, און אַ ברונים איז ווייט, עס פּיי ניקט די היץ, און עס מאַטערט דער דאָרשט. שטייט אַ קאָ רעטע ביים וועג מיט וואַסער פאַר שעפּסעלעך. האָט שוין משהלע דער שוועסטער גאָרנישט געזאָגט, אָנגעבויגן זיך איבער דער קאָרעטע און אַ טרונק געטאָן. חנהלע האָט ניט געזען.

.II

רופט חנהלע דעם ברודער: „משהלע!" אָבער ניטאָ שוין קיין משהלע. אַ שעפּסעלע שטייט, מיט ווייסע הערעלעך. פאַרשטייט חנהלע, ווער דאָס שעפּסעלע איז, און צעוויינט זיך. ווײנט זי ביטער, אָבער העלפן קאָן זי ניט. גייט זי מיטן שעפּסעלע ווייטער. פאָרט אַנטקעגן אַ רייכער ייד. דערזעט ער דאָס שעפּסעלע, זאָגט ער:

— מיידעלע, פאַרקויף מיר דאָס שעפּסעלע!

ענטפערט חנהלע: — דאָס איז גאָרניט קיין שעפּסעלע, ס'איז מיין ברודער משהלע.

פרעגט דער ייד: — וווהין זשע גייט איר דאָס?

ענטפערט חנהלע:

— יתומים זיינען מיר, אָרעמע און הונגעריקע.

האָט זיי דער ייד גענומען אויפן וואָגן און געבראַכט אַהיים צו זיך.

חנהלע איז דעם יידן זייער געפעלן געוואָרן, איז זי ביי אים פאַרבליבן מיטן שעפּסעלע. זיי איז ביידן גוט געווען. ־ער ייד האָט זיי ליב געהאַט. געגעבן גוטע זאַכן, פאַר ־נהלען געלאָזן אויפנייען שיינע קליידער, און דעם שעפּ־ ־עלע אָנגעטאָן אַ בענדל מיט אַ גלעקעלע אויפן האַלדז.

III.

ניט ווייט פון דעם יידן האָט געוווינט אַ ווייבל מיט ־ מיאוס טעכטערל. דאָס ווייבל האָט מקנא געווען חנהלען, ־אָס איר איז אַזוי גוט. האָט דאָס ווייבל איינמאָל געכאַפּט ־נהלען און אַריינגעוואָרפן אין טייך. איר מיאוס טעכטערל ־אָט זי פאַרקליידט פאַר חנהלען און אַוועקגעשיקט צום ידן. דער ייד האָט ניט דערקענט, און האָט פון גאָרנישט ־עוווּסט.

־נאָר דאָס שעפּסעלע האָט געוווּסט, וואָס דאָ איז פאָרגע־ ־ומען. האָט עס שוין ניט געגעסן, ניט געטרונקען. נאָר ־רומגעגאַנגען ביים ברעג טייך און געקלאָגט, נאָך דער ־וועסטער געבענקט.

הערט דאָס פאַרקליידטע טעכטערל, ווי דאָס שעפּסעלע שרייט, זאָגט זי צום יידן: — זאָל מען עס קוילן...

וווּנדערט זיך דער ייד, וואָרעם ער ווייס דאָך, אַז חנהלע האָט גאָר ליב דאָס שעפּסעלע, און דאָ וויל זי עס קוילן. שווייגט ער, און שאָקלט עטוואָס צו מיטן קאָפּ: נו, זאָל מען קוילן...

שיקט דאָס טעכטערל באָכן שוחט, און אַליין נעמט זי גרייטן אַן אָרט, ווו צו קוילן. האָט דאָס שעפּסעלע דערזען, האָט עס אַלץ פאַרשטאַנען און איז אַוועקגעלאָפן צום טייך, געלייגט זיך אויפן ברעג און גענומען קלאָגן:

חנהלע, חנהלע, שוועסטער דו מיין!
אַן אָרט מיך צו קוילן גרייט מען,
אוי, ווי ס'וועט מיר ווי-טאָן!

און חנהלע ענטפערט אים פון אונטערן וואַסער:

אַך, משהלע, ברודער דו מיין!
ס'דריקט מיין האַלדז אַ שווערער שטיין.
איך קאָן פון וואַסער ניט אַרויס,
מיר גייען די כוחות באַלד אויס.
אַך, משהלע, משהלע, ברודער דו מיין!

דער ייד איז גראָד געשטאַנען ביט ווייט, ער האָט דער הערט, ווי חנהלע רעדט פון וואַסער אַרויס, האָט ער גליי געהייסן אַרויסנעמען זי. האָט מען חנהלען אַרויסגעצויגן פו

וואַסער, אָנגעטאָן טרוקענע קליידער און געוואָלט צום טיש זעצן. אָבער חנהלע האָט ניט געקאָנט איינזיצן. זי איז צוגע־לאָפן צום שעפּסעלע, און גענומען עס קושן און האַלדזן. און אין דערזעלביקער רגע איז פון שעפּסעלע צוריק גע־וואָרן אַ משהלע.

אַלע האָבן זיך זייער געפרייט, מען האָט געטאַנצט און געזונגען, און דאָס בייזע ווייבל מיטן טעכטערל פון שטוב אַרויסגעטריבן.

אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס — די מעשה איז אויס.

מיין הינטעלע מיט דער קאַץ.

איך האָב געהאַט אַ הינטעלע,
אַ הינטעלע — אַ שאַץ.
אײַ־אײַ, ווי ס׳האָט דאָס הינטעלע
ניט ליב געהאַט קיין קאַץ.

כ׳פלעג נעמען ווען אַ האַנטעכל,
צונויפדרייען אין האַנט,
און גלעטן עס, און צערטלען עס,
און מיאַקען נאָכאַנאַנד.

דאָס הינטל טוט אַ שמעק, אַ לעק,
דאָס האַנטעכל אַ קראַץ —
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!
געמיינט, עס איז אַ קאַץ!

זאָשע און בוטשקאָ זײַנען אַלטע גוטע פֿרײַנד. זאָשע איז אַ קלײן מײדעלע. בוטשקאָ — אַ גרויסער הונט. בײדע וווינען זײ אין אײן שטוב. ווילאַנג זײ קענען זיך, ווײסן זײ אַלײן ניט. עס דאַכט זײ נאָר, אַז זײ קענען זיך שוין זײער, זײער לאַנג. זאָשע האָט שטענדיק געקענט בוטשקאָן, און בוטשקאָ האָט שטענדיק געקענט זאָשען.

בוטשקאָ איז אַ סך אַ גרעסערער און אַ שטאַרקערער פֿאַר זאָשען. אַז ער לײגט אַרויף זײַנע לאַפּעס אויף אירע אַקסלען, איז ער גרעסער פֿאַר איר מיט צוויי קעפּ. ער וואָלט זי געקענט אײַנשלינגען, ווי גרויס זי איז. נאָר ער טוט איר קײנמאָל די מינדסטע עוולה ניט. בוטשקאָ האָט דרך־ארץ פֿאַר זאָשען. אַזאַ קלײנינקע, אַזאַ שוואַכע און אַזאַ קלוגע. לעקט ער זי מיט דער צונג פֿאַר גרויס ליב־שאַפֿט. און זאָשע ווידער האָט ליב בוטשקאָן, ווײַל ער איז אַ שטאַרקער און אַ גוטער.

אײנמאָל דערזעט זאָשע, ווי איר פֿרײַנד בוטשקאָ איז צוגעבונדן אויף אַ קײט. אירע אײגענע אויגן גלויבט זי ניט. און בוטשקאָ קוקט אויף איר מיט זײַנע ערלעכע וואַרעמע אויגן. זאָשע דערנעענטערט זיך ניט צו אים. זי קאָן ניט אַריבערטראָגן די עוולה, וואָס מען האָט בײַ איר גרויסן גוטן בוטשקאָ אָפּגענומען די פֿרײַהײט. איז זי גע־שטאַנען פֿונווײַטן און געקוקט אויף אים מיט מיטגעפֿיל.

לעמעלע חָרוץ.

ווו ביסטו געווען,
לעמעלע חָרוץ?
אויפן מיל, אויפן מיל,
מיין ליבער פריץ.

וואָס האָסטו געטאָן דאָרט,
לעמעלע חָרוץ?
ווייץ געמאָלן, ווייץ געמאָלן,
מיין ליבער פריץ.

ווי האָסטו געמאָלן,
לעמעלע חָרוץ?
טיר-טיר-טיר, טיר-טיר-טיר,
מיין ליבער פריץ.

וואָס האָסטו געגעסן דאָרט,
לעמעלע חָרוץ?
קניידעלעך, קניידעלעך,
מיין ליבער פריץ.

ווי האָסטו געגעסן דאָס,
לעמעלע חָרוץ?
ליק-ליק-ליק, ליק-ליק-ליק,
מיין ליבער פריץ.

וואָס האָסטו געטרונקען דאָרט,
לעמעלע חָרוץ?
פּאָמאָיעס, פּאָמאָיעס,
מיין ליבער פריץ.

ווי האָסטו געטרונקען דאָס,
לעמעלע חָרוץ?
כלופּ-כלופּ-כלופּ, כלופּ-כלופּ-כלופּ,
מיין ליבער פריץ.

ווער האָט דיך אַרויסגעיאָגט.
לעמעלע חָרוץ?
דער מילנער, דער מילנער,
מיין ליבער פריץ.

ווי ביסטו אַנטלאָפן,
לעמעלע חָרוץ?
שפּרינגענדיק, טאַנצנדיק,
מיין ליבער פריץ.

ווי האָסטו געשריען,
לעמעלע חָרוץ?
יע-מעק-מעק, יע-מעק-מעק,
מיין ליבער פריץ.

דער זיידע מיט דער ציג.

דער אַלטער זיידע האָט אויפן יאַריד געקויפט אַ ציגע־לע. ברענגט ער זי אַהיים און זאָגט צו זיין זון:

— גיי און פיטער מיר אָן די ציג.

דער זון האָט אָפּגעפּירט די ציג אין פעלד, אָנגעפּי־טערט, אָנגעטרונקען. פאַרנאַכט פירט ער זי אַהיים. לויפט דער אַלטער אַרויס אויפן וועג און פרעגט:

— ציגעלע־מיגעלע, צי האָסטו געגעסן, צי האָסטו גע־טרונקען אין פעלד?

מאַכט דאָס ציגעלע:

— גאָרנישט געגעסן, זיידינקע. גאָרנישט געטרונקען, זיידינקע. כ׳בין געלאָפן איבערן ברעג, האָב איך געכאַפּט וואַסערל אַ לעק. כ׳בין געלאָפן פאַרביי בריק — האָב איך געטאָן אַ גרעזעלע אַ פליק. גאָרנישט געגעסן, זיידינקע, גאָרנישט געטרונקען, זיידינקע.

איז דער זיידע ברוגז געוואָרן אויף זיין זון און האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. אויף מאָרגן האָט ער די טאָכטער געשיקט מיט דער ציג אין וואַלד אַריין. האָט די טאָכטער געבראַכט די ציג אין וואַלד, אָנגעפּיטערט זי אויף גראָזיקע ערטער, און אָנגעטרונקען זי מיט ריינעם קוואַל־

וואַסער. פֿאַרנאַכט טרייבט זי די ציג אַהיים. גייט דער אַל־טינקער אַרויס אויפֿן וועג און פֿרעגט:

— ציגעלע־מיגעלע, צי האָסטו גענעסן, צי האָסטו געטרונקען אין וואַלד?

מאַכט די ציג:

— גאָרנישט, זיידינקע. כ'בין געלאָפֿן איבערן ברעג — האָב איך געכאַפּט וואַסערל אַ לעק. כ'בין געלאָפֿן פֿאַרביי בריק, האָב איך געטאָן אַ גרעזעלע אַ פּליק. גאָרנישט געגעסן, זיידינקע, גאָרנישט געטרונקען, זיידינקע.

איז דער אַלטינקער ברוגז געוואָרן אויף דער טאָכטער און האָט זי אַרויסגעטריבן פֿון שטוב. אויף מאָרגן האָט ער אַליין די ציג אַוועקגעפֿירט אין פֿעלד אַריין. ער האָט זי געפּיטערט אויף די בעסטע לאָנקעס. די ציג האָט זיך אָנגע־געסן, אַז קוים וואָס זי האָט געעטעמט. פֿאַרנאַכט האָט ער זי געטריבן אַהיים. לעבן טויער איז ער איר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און האָט געפֿרעגט:

— ציגעלע־מיגעלע, צי האָסטו געגעסן, צי האָסטו געטרונקען אין פֿעלד?

מאַכט די ציג:

— גאָרנישט געגעסן, זיידינקע, גאָרנישט געטרונקען, זיידינקע. איך בין געלאָפֿן איבערן ברעג, האָב איך געכאַפּט וואַסערל אַ לעק. איך בין געלאָפֿן פֿאַרביי בריק, האָב איך

געטאָן אַ גרעזעלע אַ פליק. גאָרנישט געגעסן, זיידינקע, גאָרנישט געטרונקען, זיידינקע.

איז דער אַלטער ברוגז געוואָרן אויף דער ציג און האָט זי פאַרטריבן צו אַלדי רוחות.

מיין קיעלע.

אוי, ווי ליב מיין רויטע קיעלע איז מיר!
איך האָב אָנגעריסן גרעזעלעך פאַר איר.
עס זיך אָן צו זאַט, דו קיעלע, דו פיין,
זאָל דיר ווויל באַקומען, רויטינקע דו מיין!

אוי, ווי ליב מיין רויטע קיעלע איז מיר!
כ׳האָב אַ צעבער קלייען אויך פאַרמישט פאַר איר.
האָב, מיין קיעלע, דיין עסן צו גענוג.
גיב, מיין רויטינקע, מיר מילך אַ פולן קרוג.



שפּרינגט אַ קעלבל אום אין פעלד —
אוי, ווי פריילעך אויף דער וועלט!
און די מאַמע פונדערווייט
ליגט אַ רויִקע און קײַט.

קייט און קייט אַזוי און טראַכט:
„אַי, האָב איך אַ קאַלב — אַ פּראַכט!
טאַקע, אַ געזונט אויף איר,
אײַנגעגעבן זיך אין מיר...״

פררר... פון וועלדל פלינק און פריי
פליט אַ פייגעלע פאַרביי.
— מאַמע! זע נאָר, מאַ—מע, זע!
מע... אַוועקגעפלויגן, מע...

האָפּ! פאַררייסן הויך דעם עק,
לאָזט דאָס קעלבל זיך אַוועק...
און די מאַמע פונדערווייט
קוקט און טראַכט, און טראַכט און קײַט:

„זיבן וואָכן מיט אַ האַלב —
קיין עין-הרע, סאַר אַ קאַלב!
יאָגט זיך, שפּרינגט און רוט ניט אײַן,
אַי, וועט דאָס אַ בהמה זײַן!

מאָטל דעם חזנס דערציילט וועגן זיך און וועגן מעניו.

איך גיי מיט אייך אין געוועט, אויף וויפיל איר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופרידן מיטן וואַרעמען ליכטיקן נאָך־פּסח, ווי איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, און דעם שכנס קעלבל, וואָס מען רופט דאָס מעני.

ביידע גלייך האָבן מיר דערפילט די ערשטע שטראַלן פון דער וואַרעמער זון אין דעם ערשטן וואַרעמען נאָך־פּסחדיקן טאָג. ביידע גלייך האָבן מיר דערשמעקט דעם ריח פונעם ערשטן גרינעם גרעזועלע, וואָס קריכט, שפּראָצט אַרויס פון דער נאַר־וואָס אָפּגעדעקטער ערד. און ביידע גלייך זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון דעם פינסטערן ענגשאַפט מקבל־פּנים צו זיין דעם ערשטן זיסן ליכטיקן פרילינגס־מאָרגן. איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, בין אַרויס פון אַ קאַלטן נאַסלעכן קעלער, און מעניו, דעם שכנס קעלבל, האָט מען אַרויסגעלאָזן פון אַ קליין פינסטער שטעלכל, וואָס ווינטער בלאָזט אַריין אַהין דער שניי, און זומער שמייסט אַריין דער רעגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך אויף גאָטס ליכטיקער וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, זיך גענומען אויסדריקן אונדזער צופרידנהייט. איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע וואַרעמע לופט אַזוי פיל, אַזוי פיל, וויפיל איך האָב געקאָנט. און מעני דעם שכנס קעלבל האָט קודם אַריינגעשטעקט די שוואַרצע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַריין, אַ שאַר געטאָן מיטן פאָדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך אַ מאָל דריי, פאַרריסן דעם עק, אויפגעשפּרונגען נאָכדעם אויף אַלע פיר און אַרויסגעלאָזט אַ טומ־פּיקן „מע!“

דער „מע״ האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און נאָכמאַכן פּונקט דעם אייגענעם „מע״, וואָס מעני. מענין איז דאָס, ווייזט אויס, געפעלן, וואָרעם עס האָט לאַנג נישט גענו־מען, האָט דאָס קעלבל איבערגעחזרט דאָס אייגענע נאָך אַמאָל, מיטן זעלביקן שפּרונג. איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיטן קול און מיטן שפּרונג. אַזוי עטלעכע מאָל: איך אַ שפּרונג — דאָס קעלבל אַ שפּרונג. דאָס קעלבל אַ „מע״ — איך אַ „מע״.

ווער ווייס, ביזוואַנען דאָס שפּיל וואָלט זיך אַזוי געצויגן, ווען ניט מיין ברודער אליהו.

— אַ בחורל פון כמעט ניין יאָר שטעלט זיך אַוועק טאַנצן מיט אַ קעלבל! אין שטוב אַריין גיי, דו הולטיי איינער!.. דער טאַטע וועט דיר שוין געבן!

ווי דאָס לאָשאַקל
איז אויסגעוואַקסן.

סוכות־צייט איז עס נאָך געווען אַ קליין, מאָגער, געפּלעקט לאָשאַקל. האָט געהאַט אַ קורצע רויטלעכע גריווע, ווי מיידלשע קליינע צעפּעלעך, אַ קורץ ווידעלע באַהאַלטן, איינגעטוליעט אונטער זיך. אַ קליין קעפּעלע, דינינקע פּיסעלעך. דעם קאָפּ האָט עס געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן. אינגאַנצן האָט עס זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט. מען האָט עם גערופן לָבָן.

נאָר אַז מען האָט לבנען דעם ערשטן מאָל אַרויסגעלאָזן אינדרויסן אין אַ וואַרעמען ליכטיקן פרילינגס־טאָג, איז עס שוין געווען אַ היפּש פערדל: אַ שיינע אָנגעוואַקסענע גריווע. דער עק, עטוואָס געקרייזלט, דערלאַנגט שוין אַזש ביז אונטער די קני.

ער האָט געמאַכט אָנשטעלן, געשטיפּט, כאַרריסן דעם עק, זיך גע־געבן אַ ציִ אויס איבערן גאַס און אַוועק העט ווייט־ווייט.

באַלד קומט ער צוריק, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט אַלצדינג מיט אַ לייכטן און פרייען בליק, קוקט אויף דעם באַלעבאָס:

— האַ? וואָס? מ׳קאָן?

און זיך ווידער אַ לאָז געטאָן, געוואָרפן, געפּוצט מיט דעם קעפּעלע, פריי געהירזשעט:

— זעט, סאַר אַ ליכטיקע וועלט אינדרויסן!..

לויפנדיק האָט ער אַראָפּגעכאַפּט פון פּלייט אַ קליין קינדער־קישעלע, וואָס מען האָט אויפגעהאַנגען צום טריקענען. ער האָט געוואָרפן מיט דעם קאָפּ הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ.

באַלד איז אין קישעלע געוואָרן אַ לאָך, און די פּעדערן האָבן זיך לייכט און פריי איבערן גאַס צעטראָגן.

אין גאַס איז געוואָרן אַ טומל. מען וויל לבנען פאַרהאַלטן. פאַר־שטעלט מען אים דעם וועג, צעשפּרייט מען די פּאָלעס.

— טפּרר... טפּר... טפּר...

אָבער מען לאָזט אים פאַר דער נאָז אַדורך. און מ׳האַלט זיך ביי די זייטן לאַכנדיק.

און אַז מ׳האָט זיך גענוג אָנגעמאָרדעוועט, און ער האָט די גאַנצע פּעדערן אויסגעזייט, איז ערשט געלונגען אַריינצוקריגן אים אין שטאַל.

פון דעם טאָג איז לבן ווי מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן: שוין כמעט אַ פערד. דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעטאָן אַ ציימל און אָנגעהויבן פירן צום ברונען אָנטרינקען.

— איך האָב שוין מער קיין כוח ניט צו שלעפּן וואַסער פֿאַר דיר אין שטאַל. דו ביסט ניט קליין, אַליין דורכצושפּאַצירן זיך צום ברונעם.

און לבן פֿלעגט פֿאַררייסן דעם קאָפּ, באַטראַכטן, וואָס אַרום טוט זיך, געבן זיך אַ שטעל דיבאָם: אַנו, ווער איז העכער? דערנאָך גראָבט ער מיט אַ פֿוס די ערד וואָס אַרום ברונעם, צעשפּריצט אַ קליינע פֿאַרגרינטע לוזשע, וואָס טריקנט קיינמאָל ניט אויס. פֿאַרשפּריצט דעם באַלעבאָס פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. טרינקענדיק גריזשעט ער דעם עמער מיט די ווייסע און שטאַרקע ציין, גיט אים אַ הייב אינדערהייך, אַ טרייסל אינדערלופֿטן און אַ וואָרף אַזש אויף יענער זייט ברונעם, אַז עס בלייבן פֿון אים נאָר קליעפּקעס.

דער באַלעבאָס, אַז ער קומט אין שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט לבנען אין שטאַל געבראַכט, ווישט ער אַרום מיט אַ האַנטעך דעם פּנים און קען זיך ניט איינהאַלטן, דערציילט דער ווייב מיט פֿאַרגעניגן:

— דו ווייסט, לבן האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצן עמער און נאָך אַ ביסל.

— זאָל אים זיין צו געזונט! — ענטפֿערט די ווייב.



דער האָן.

קוקאַרעקו, האָן!
וואָס זשע ווילסטו טאָן?
— כ'וויל אין חדר גייין,
קאָן איך נישט — אַליין!

וואָס זשע שרייסטו, האָן?
ס'טוט דיר וויי אַ צאָן?
שאָקלט האָן מיט באָרד:
ניין, אויף ערן=וואָרט!

קוקאַרעקו, האָן!
וואָס זשע זאָגסטו אָן?
— כ'זינג עס, יונגע=לייט, —
אויפשטיין איז שוין צייט.

וואָס זשע ביסטו רויט?
ווילסט אַ ביסן ברויט?
קוקאַרעקו=תּם,
וואָס איז רויט דיין קאַם?

ווערט אין כּעס דער האָן,
ווייסט נישט, וואָס צו טאָן,
פליט ער, ציט ער אָפּ...
— דרייט מיר נישט מיין קאָפּ!



אַמאָל איז געווען
אַ הון מיט אַ האָן.

אַמאָל איז געווען אַ הון מיט אַ האָן.

זאָגט די הון צום האָן: — וואָס זאָל איך טאָן?

ענטפערט דער האָן: דו לייג אַן איי, און איך וועל געבן אַ קריי.

האָט די הון געלייגט אַן איי, און דער האָן האָט גע-געבן אַ קריי.

האָבן זיך מענטשן אויפגעכאַפּט און גענומען זוכן דעם עוף, וואָס האָט זיי אויפגעוועקט פון שלאָף. האָבן זיי געפונען דעם האָן. פרעגן זיי אים: — וואָס האָסטו געגעבן אַ קריי?

ענטפערט דער האָן: — די הון האָט געלייגט אַן איי.

זייַנען אַוועק די מענטשן און האָבן צוגענומען ביי דער הון דאָס איי. האָט די הון גענומען שרייַען:

— אוי וויי! אוי וויי!

איז געקומען צו לויפן דער האָן מיט אַ קריי: — וואָס שרייסטו אוי וויי?

ענטפערט די הון: — מען האָט ביי מיר צוגענומען דאָס איי.

זאָגט דער האָן: — אַ דאגה, וועסטו לייגן נאָך אַן איי, און איך וועל געבן נאָך אַ קריי.

דאָס אייעלע.

איז געווען אַ באַבעטשע
מיט אַ הינדעלע אַ ראַבעטשע.
ס'הינדעלע געלייגט אַן איי —
אַ ווייס, ווי שניי.

האָט די באַבעטשע דאָס געלייגט אויפן קישעלע.
איז געקומען דאָס מייזעלע —
אַ דריי מיטן עקעלע.
און פּוץ — אָ! צעבראָכן דאָס איי.

די באַבעטשע וויינט,
דער זיידע כליפּעט,
דער טויער סקריפּעט.
און די הון גייט אַרום און שרייט:
קוד—קו—דאַ! קוד—קו—דאַ!

דער האָן און די פּערל.

גראַבלט זיך אַ האָן
און טאַפּט אָן
אין שטויב אַ קערנדל אַ האַרטס.
אַ שאַר, אַ פּיק,
און אַ וואָרף צוריק
מיט האַרץ.
מיטן קאָפּ אַ דריי
און מיטן טראָפּ אַ קריי, —
אומזיסט
צעשאַרט אַזוי פיל מיסט.
געמיינט — אַ קערן
צו דערנערן,
אַ האָבער, צי אַ גערשט.
ערשט —
נאַ דיר גאָר — אַ פּערל!



די קראָ און דער פוקס.

אויף אַ בוים אַ נאַר אַ קראָ
האַלט אַ שטיקל קעז אין מויל.
ערשט — שאַ, שטיל, אַ גאַסט איז דאָ:
פיקסל קומט אָן שטיל און פויל,
שמעקט, בלייבט שטיין אויף הינטער־פיס,
און ער זאָגט גאָר האָניק־זיס:
— מיין ליב קראָעלע, זינג אַ לידעלע!
זינגסט אַ לידעלע — שפּילט אַ פידעלע!
זינג: טראַ־ראַ און טראַ־ראַ־ראַ!
שרייט די קראָ אויס: קראַ־קראַ־קראַ!
פאַלט פון מויל דער קעז אַרויס,
און דער פוקס — האַם־האַם! און אויס.



צוויי מייז.

I.

אַ גרויסאַרטיקע שטאָטישע מויז איז געקומען אין געסט צו אַ פעלד-מויז. די פעלד-מויז האָט מכבד געווען איר גאַסט מיט דעם, וואָס זי האָט געהאַט: אַ ביסל אַרבעס, אַ ביסל ווייץ. די גרויסאַרטיקע מויז האָט פאַרזוכט און געזאָגט:

— דעריבער ביסטו אַזאַ דאַרע-קוואַרע, וואָס דו לעבסט אַן אָרעם לעבן. קום צו מיר, וועסטו זען, ווי איך לעב.

II.

איז די פעלד-מויז געקומען צו דער שטאָטישער אין געסט. ביז נאַכט זיינען זיי געזעסן אונטער דער פּאָדלאָגע און האָבן געוואַרט. אַז די מענטשן האָבן אָפּגעגעסן און געלייגט זיך שלאָפן, האָט די שטאָטישע מויז געבראַכט איר גאַסט אין עסצימער. זיי זיינען ביידע אַרויף אויפן טיש און גענומען קלייבן די ברעקלעך. די פעלד-מויז האָט קיינמאָל אַזעלכע געשמאַקע מאכלים ניט פאַרזוכט. זי האָט געזאָגט:

— דו ביסט גערעכט: מיר אין פעלד לעבן שלעכט. איך וועל מיך אויך אַריבערקלייבן אין שטאָט אַריין.

III.

ווי נאָר זי האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט זיך דער טיש אַ טרייסל געטאָן. דאָס האָט זיך די טיר געעפנט, און ס'איז אַריין אַ מענטש מיט אַ ליכט. דער מענטש האָט גענומען כאַפּן די מייז.

— ניין, — זאָגט די פעלד-מויז. — אין פעלד איז מיר שוין בעסער. קיין געשמאַקע זאַכן האָב איך דאָרט טאַקע ניט, אָבער דאָרט איז מיר רויִקער, ווי דאָ.

ווו דאָס מייזל וווינט.

איך פרעג דאָס מייזל:
ווו איז דיין הייזל?
און דאָס מייזל ענטפערט מיר:
איך האָב נישט קיין סוד פאַר דיר!
נאָר דער קאַץ זאָג נישט אויס,
עס וואָלט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס.
דאָס ווערגעלע ווייסט נאָר — כיק!
כאַטש צום גליק
בין איך אַ מייזעלע אַ פלינקס.
זעסטו, — דאָרט אין ווינקל לינקס,
און דערנאָכדעם רעכטס אַ ביסל,
ווו עס שטייט די גרויסע שיסל,
וועסטו זען אַ טירל קליין,
דאָרטן איז דאָס הייזל מיין.
עס ליגט אַ בערגעלע דערויף.
אַ טרעפ אַראָפ, און דריי אַרויף,
און אויף לינקס נאָך אַ טרעפל —
און דו ביסט אַ גאַסט ביי מיר.
נאָר געדענק, בייג איין דאָס קעפל,
ווייל ס׳איז נידעריק די טיר.

אַ ווייסע קאַטשקעלע.

אַ ווייסע, ווייסע קאַטשקעלע
באָדט זיך אינעם טייך,
פּיקט זיך אינעם העלדזעלע,
פּיקט זיך אין אַ פליגעלע,
שטעקט דאָס ווייסע קעפּעלע
טיף און טיף אין טייך.

וואַרפט אַ קינד אַ שטיינדעלע,
מאַכט קאַטשקעס אויפן טייך, —
בולבען זיך די קאַטשקעלעך
און גולגען זיך אַ סך.

דערלאַנגט אַ וואַסער־קאַטשקעלע
דער אמתער אין פּיסק;
כאַפּט זי אויף איר קעפּעלע,
כאַפּט די רויטע פיסעלעך,
אַנטלויפט זי — פליסק און פליסק.



ערשטע טריט (6)

דער וואָלף און דער מענטש.

דער פוקס האָט איינמאָל דערציילט דעם וואָלף, ווי שטאַרק דער מענטש איז. קיין חיה קאָן אים ניט בייקומען. זאָגט דער וואָלף:

— „כ'וואָלט זיך וועלן פּרוּוון מיטן מענטשן."

ענטפערט דער פוקס:

— רעכט. קום, איך וועל דיך ברענגען צום מענטשן.

זיינען זיי ביידע אַוועק. דער פוקס האָט דעם וואָלף אַרויסגעפירט אויפן וועג, ווו דער יעגער גייט אַלע טאָג אויף דער יאַגד.

דער ערשטער איז זיי אַנטקעגן געקומען אַן אויסגעדינטער זעלנער. פרעגט דער וואָלף: „דאָס איז דער מענטש?"

ענטפערט דער פוקס: ניין, דאָס איז אַזוינער, וואָס איז אַמאָל גע־וועזן אַ מענטש.

גייען זיי ווייטער. קומט זיי אַנטקעגן אַ קליין ייִנגל.

— דאָס איז דער מענטש? — פרעגט דער וואָלף.

— „ניין, דאָס איז אַזוינער, וואָס וועט ערשט אַמאָל זיין אַ מענטש."— האָט דער פוקס געענטפערט.

דעמאָלט איז פונדערווייטן אָנגעקומען דער יעגער מיטן ביקס אויפן רוקן, מיטן מעסער ביי דער זייט.

— „זעסטו", — זאָגט דער פוקס, — „אָט איז דער אמתער מענטש. מיט אים קענסטו זיך פּרוּוון."

דער וואָלף האָט זיך אַ יאָג געטאָן צום יעגער. דער יעגער האָט אויף אים אַרויסגעלאָזן אַ שאָס פּולווער מיט שראָט. דעם וואָלף האָט געטאָן אַ פּלאַם אין פּנים, אָבער גאָרנישט. ער איז ניט אָפּגעטראָטן. האָט דער יעגער אַ צווייטן מאָל אויסגעשאָסן. דער וואָלף האָט פאַרשטשי־

מעט די ציין און איז ווייטער געקראָכן. דאָ האָט דער יעגער אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער און דערלאַנגט דעם וואָלף איינמאָל אין איין זייט און נאָך אַמאָל אין אַנדער זייט. דער וואָלף האָט זיך באַדמט און איז מיט אַ געהייל אַנטלאָפן צום פוקס.

— „נו, ברודער וואָלף, ווי ביסטו דורכגעקומען מיט דעם מענטשן? — פרעגט דער פוקס.

— אָי וויי! — ענטפערט דער וואָלף. — איך האָב גאָרניט אויסגערעכנט, אַז דער מענטש זאָל האָבן אַזאַ כוח. הערסט דאָך, וואָס עס איז געווען. פריער האָט ער אַראָפּגענומען אַ שטעקן פון רוקן און געטאָן אַ בלאָז אין אים, — איז מיר עפּעס אַריינגעפלויגן אין פּנים און גענומען גריילעך קיצלען. דערנאָך האָט ער ווידער געטאָן אַ בלאָז אין שטעקן, — איז מיר אין נאָז אַריינגעפלויגן אַ בליץ מיט אַ האָגל. און אַז איך בין שוין געווען גאָר נאָענט לעבן אים, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ ריפּ פון זיין זייט, און דערמיט האָט ער מיר דערלאַנגט אַזאַ שמיץ, אַז איך בין שיר ניט געפאַלן אין חלשות.



די חתונה פון דער
פרוי פוקסיכע.

אַז דער אַלטער האַר פוקס איז געשטאָרבן, איז דער וואָלף געקומען און געוואָלט חתונה האָבן מיט דער אלמנה. די קאַץ האָט געדינט ביי דער פרוי פוקסיכע. האָט די קאַץ אויפגעעפנט די טיר. דער וואָלף האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

— גוט־מאָרגן, פרוי קאַץ פון קאַצענשטיין,
וואָס זיצסטו דאָ אין קיך אַליין?
וואָס טוסטו דאָ?

ענטפערט די קאַץ:

אַ מיכיע פון מילך מיט חלה האָב איך פאַרמישט,
וויל מיין האַר זעצן זיך מיט מיר צום טיש?

זאָגט דער וואָלף:

אַ דאַנק דיר, פרוי קאַץ פון קאַצענשטיין.
די פרוי פוקסיכע איז אינדערהיים?

ענטפערט די קאַץ:

די פרוי פוקסיכע זיצט ביי זיך אין קאַמער,
באַוויינט איר יאָמער,
באַקלאָגט איר גויט,
וואָס דער אַלטער האַר פוקס איז טויט.

מאַכט דער וואָלף:

זאָל זיך די פרוי פוקסיכע ניט קלעמען,
זאָל זי אַראָפּ צו מיר, וועל איך זי נעמען.

די קאַץ איז איבער אַלע טרעפּ צו דער פרוי פוקסיכע אַרויפגע־שפּרונגען, און אָנגעקלאַפּט אין טיר מיט אַלע אירע גאָלדענע פינף רינגען:

זאָל פרוי פוקסיכע שוין זיך מער ניט קלעמען,
אונטן שטייט האַר וואָלף, ער וויל זי נעמען.

האָט די פרוי פוקסיכע געפרעגט:

— האָט דער האַר וואָלף רויטע הויזן? האָט ער אַ שפּיציק מיילכל?

— ניין, — האָט די קאַץ געענטפערט.

— טויג ער מיר ניט פאַר קיין מאַן, — האָט די פוקסיכע געזאָגט.

אַז דער וואָלף איז אַוועק, איז געקומען דער הונט, דער הירש, דער האָז, דער לייב און אַלע אַנדערע חיות פון וואַלד. אָבער זיי האָבן קיינער ניט געהאַט די מעלות פון דעם אַלטן האַר פוקס. און די קאַץ האָט די חתנים אַלע מאָל געמוזט אָפּזאָגן. לסוף איז געקומען דער יונגער פוקס. פרעגט די פרוי פוקסיכע:

— האָט דער האַר רויטע הויזן? האָט ער אַ שפּיציק מיילכל?

— יאָ, ער האָט, — ענטפערט די קאַץ.

— טאָ זאָל ער אַרויפקומען.

און די פרוי פוקס האָט געהייסן דער קאַץ צוגרייטן אַ מאָלצייט:

קעצעלע, קער די שטוב אויס
און וואַרף דעם אַלטן פוקס דורכן פענצטער אַרויס,
אַ מאָל פלעגט ער ברענגען אַ פעטע מויז,
האָט ער זי אַליין אויפגעגעסן ביזן עקל,
און מיר ניט געלאָזן קיין ברעקל.

האָט מען געשטעלט אַ חופּה מיט דעם יונגן האַר פוקס. מען האָט זיך געפרייט און געטאַנצט, און אויב מען האָט ניט אויפגעהערט, טאַנצט מען נאָך עד היום.



אויף דער פריי.

דאָרטן אויפןביימעלע,
דאָרטן אויפן צווייגעלע
טאַנצט אַרום אַ פייגעלע,
שפּיגלט זיך אין טייכעלע.

אונטן רוישט דאָס קוועלעכל,
אויבן שיינט די זון אַראָפּ.
פריילעך זינגט דאָס פייגעלע,
איר קולעכל — אַ גלעקעלע.

— וואָס זינגט זיך דיר, מיין שוועסטערל?
וואָס טאַנצסטו אויפן ביימעלע?
רופט זיך אָפּ דאָס פייגעלע
פון אַ צווייטן צווייגעלע:

— אין אַ דראָטן שטייגעלע
געווען בין איך איינגעשפּאַרט.
האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט
אין דעם פרייען וואַלד.

דער פויגל.

אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ ווונדערלעכער פויגל שאַלט —
טראַ—לאַ-לאַ, טראַ—לאַ—לאַ.

איז אַ יינגל צוגעלאָפן,
און דער פויגל איז אַנטלאָפן —
טראַ—לאַ-לאַ, טראַ—לאַ—לאַ.

„וואָס אַנטלויפסטו?" — ס'יינגל שרייט, —
„ביט געוואָלט דיר טאָן קיין לייד."
טראַ—לאַ—לאַ, טראַ—לאַ—לאַ.

„בלייב זשע, פויגל, שרעק זיך ניט!"
און דער פויגל: „כ'גלויב דיר ניט"—
טראַ—לאַ—לאַ, טראַ-לאַ—לאַ.



אַ מעשהלע וועגן פויגל שפּערל און וועגן פּיש פּלאָטקע.

פויגל שפּערל און פּיש פּלאָטקע זיינען געווען גרויסע חברים. איינמאָל קומט פויגל שפּערל צום טייך און שרייט:

— היי, שוועסטערל, גוט מאָרגן! וואָס מאַכסטו?

— ביט צו פאַרזינדיקן, מ'לעבט! — ענטפערט פּיש פּלאָטקע. — קום צו מיר אין געסט. ביי מיר, ברודער, איז גוט. דאָס וואַסער שטיל. וואַסער-פלאַנצן — וויפיל דאָס האַרץ געלוסט. איך וועל דיך מכבד זיין מיט פראָש-רויגן, מיט ווערעמלעך, מיט וואַסער-פליגעלעך.

— אַדאַנק, שוועסטער! איך וואָלט גערן געקומען צו דיר צו גאַסט, אָבער איך האָב מורא פאַר וואַסער. קום בעסער דו צו פליען צו מיר אויפן דאַך. איך וועל דיר, שוועסטער, געבן געשמאַקע יאַגדעס. איך האָב אַ גאַנצן סאָד. חוץ דעם וועלן מיר קריגן אַ ברעקל ברויט, אַ האָבער, אַ שטיקעלע צוקער, אַ לעבעדיק מוקל. דו האָסט דאָך ליב צוקער?

— וואָס איז דאָס אַזוינס צוקער?

— אַזאַ ווייסע זאַך.

— ווי די שטיינדעלעך אין טייך?

— פונקט אַזוי. און אַז מען נעמט עס אין מויל אַריין, איז עס זיס. דיינע שטיינדעלעך פון טייך קאָן מען ניט צעבייסן. איז וואָס, פליען מיר אויפן דאַך.

— ניין, איך קען ניט פליען. און אויף דער לופט ווערגט מיך. לאָמיר בעסער צוזאַמען שווימען אין וואַסער. איך וועל דיר אַלץ באַווייזן.

פויגל שפערל האָט געפרווווט אַריינגיין אין וואַסער. איז אַריין ביז די קני, און האָט זיך דערשראָקן: מען קאָן זיך דאָך דערטרינקען!

צי זיינען פלאָטקע און שפערל סוף־כל־סוף געוועזן איינע ביי די אַנדערע צו גאַסט, צי ניט, — דאָס ווייס קיינער ניט.



דָוִיד הַמֶלֶךְ.

ווען דויד המלך איז נאָך קיין קייסער ניט געווען, האָט ער געפּי־טערט דעם פאָטערס שאָף אין די סטעפּעס. פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז אַ לייב, אָדער אַ בער האָט געכאַפּט אַ שאָף און געוואָלט פאַרצוקן. איז דויד ניט פויל געווען, האָט זיך געיאָגט, געכאַפּט די חַיה־רָעה און פון די ציין ביי איר אַרויסגעריסן דאָס שעפעלע.

דער לייב צי דער בער האָבן שוין געמעגט זיין צופרידן, אויב זיי זיי־נען מיט גאַנצע ביינער אַרויס פון דוידס הענט.

אַמאָל פלעגט די חיה ניט וועלן אָפּגעבן דאָס שעפעלע און שטעלן זיך שלאָגן מיט דוידן. איז דויד גאָר קיין פחדן ניט געווען. ער האָט אַריינגעשטעקט ביידע הענט צו דער חיה אין מויל אַריין, און געטאָן אַ ריס, און צעריסן זי אויף צוויי שטיקער.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז די פּלישתּים קומען מלחמה האַלטן מיט די יידן. גייען אַלע דערוואַקסענע מאַנסביל אַוועק אויף דער מלחמה, דוידס ברידער אויך. נאָר דויד איז געבליבן אינדערהיים, ווייל ער איז נאָך געווען אַ יונגער. זאָגט איינמאָל דער טאַטע צו דוידן:

— נעם ברויט און קעז, טראָג אַוועק די ברידער אויף די פּאָזיציעס און זע, וואָס מאַכן זיי.

נעמט דויד ברויט מיט קעז און גייט אַוועק אויף די פּאָזיציעס.

און אויף די פּאָזיציעס איז געווען אַ גרויסער טרויער. ביי די פּלישתּים איז געווען אַ ריז. גָלִית־הַפְלִשתּי האָט ער געהייסן. איז ער אַרויס אויפ־

מיטן פעלד, צווישן דעם יידישן לאַגער און צווישן דעם פּלישתּישן, און זאָגט אַזוי צו די יידן:

— זאָל עמעצער פון אייך אַרויס שלאָגן זיך מיט מיר. אויב ער וועט מיך בייקומען, הייסט עס, אַז די יידן האָבן די פּלישתּים איינגענומען. זיינען מיר אייערע קנעכט. אויב איך וועל אים בייקומען, הייסט עס, אַז די פּלישתּים האָבן איינגענומען, און די יידן וועלן זיין אונדזערע קנעכט.

האָט זיך ביי די יידן ניט געפונען אַזוינער, וואָס זאָל זיך דערוועגן אַרויסצוגיין אויף אַ געשלעג מיט גלית־הפּלישתּי דעם ריז.

האָט גלית פון די יידן געלאַכט. און אַלע טאָג איז ער אַרויס אויפן פעלד און האָט חוזק געמאַכט פון די יידן:

— כּחדנים זייט איר, שוואַכינקע מענטשן. איר האָט אַלע מורא פאַר מיר. זיינען די יידן געווען זייער צעטראָגן.

אַז דויד איז געקומען צו די ברידער, האָט ער דערזען, ווי אַלע זיינען פאַרטרויערט. פרעגט ער ביי די ברידער: וואָס איז דער מער? זיינען די ברידער אין כּעס געוואָרן:

— וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום? פאַרוואָס גייסטו ניט אַהיים? אויף וועמען האָסטו דאָרט איבערגעלאָזן דאָס ביסעלע שאָף?

אָבער דויד האָט זיי ניט געהערט. ער האָט געטראַכט: מען דאַרף דאָך וויסן, וואָס קומט דאָ אַזוינס פאָר.

איז ער אַוועק, האָט זיך גענומען נאָכפרעגן, און מען האָט אים דערציילט די מעשה מיט גלית־הפּלישתּי, ווי ער רופט אַרויס די יידן אויף אַ געשלעג, און ווי די יידן האָבן מורא.

זאָגט דויד: איך וואָלט געגאַנגען, און כ׳וואָלט אים שוין באַוויזן, ווי אַזוי אָפּצולאַכן און צו באַרימען זיך.

האָט מען אים געבראַכט צו דעם יידישן קיניג שאָול. האָט זיך שאול זייער דערפרייט. אָבער אַז ער האָט דערזען דודן, איז ביי אים געוואָרן אַ ספק, צי וועט ער קאָנען שלאָגן זיך מיט דעם ריז גלית־הפלישתי ווייל דויד איז נאָך געווען גאָר אַ יונג בחורל, אַ שיינער, אָבער אַ קליינער. האָט דויד צו אים געזאָגט:

— זאָל דער קיניג זיין זיכער, אַז איך וועל מיך שוין איינפאָרען מיט דעם ריז. וואָרעם אויב איך קען אין סטעפּ בייקומען דעם לייב און דעם בער, וועל איך דאָך גליתן אוודאי קענען בייקומען.

האָט שאול המלך געהייסן אָנטאָן דוידן אין אַ מונדיר און אויפהענגען ביי אים אויף דער זייט אַ שווערד.

האָט דויד גלייך אויסגעטאָן דעם מונדיר און אַוועקגעוואָרפן דעם שווערד:

— צו וואָס טויג עס מיר? — האָט ער געזאָגט. — איך דאַרף עס ניט, כ׳וועל שוין אָן דעם אויסקומען.

איז דויד אַוועק, האָט אויפגעזוכט אויפן פעלד עטלעכע גלאַטע שטיינער און אריינגעלייגט אין טאָרבע, אין האַנט האָט ער גענומען אַ וואַרפער. אַזוי איז ער אַוועק שלאָגן זיך מיט גליתן.

ווען גלית האָט דערזען, אַז מיט אים וויל זיך שלאָגן אַ יינגל, מאַכט ער:

— היי, יינגעלע, מיר איז אַ רחמנות אויף דיר, דו ביסט אַזאַ שיינער. קום בעסער צו מיר און איך וועל דיר געבן נאָכטראָגן נאָך מיר מיין שפּיז מיט מיין שווערד.

זאָגט דויד:

— ניט צו טראָגן נאָך דיר דיין שווערד בין איך געקומען, נאָר אַראָפּנעמען דיר דעם קאָפּ וויל איך. גרייט זיך צום געשלעג.

און ער האָט גענומען אַריינלייגן אַ שטיין אין זיין וואַרפער. מאַכט צו אים גלית מיט אַ געלעכטער:

– וואָס בין איך אַ הונט, וואָס דו ווילסט מיך שלאָגן מיט אַ שטיין?

ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז טאַקי נאָר אויף צו פלייסן. אָבער דויד האָט אַ הייב געטאָן דעם וואַרפער און דערלאַנגט מיטן שטיין גליתן גלייך אין שטערן אַריין.

דער שטיין איז אַריין אין ביין, און גלית איז געפאַלן אויף דער ערד.

אַז די פלישתּים האָבן דערזען, ווי זייער גיבור איז געפאַלן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן.

און צוריק פון די פּאָזיציעס האָט מען שוין דוידן געפירט מיט גרויס פּאַראַד. און פון אַלע שטעט און דערפער זיינען אַרויס די ווייבער אוי די מיידלעך און האָבן אים באַגעגנט מיט טענץ און מיט געזאַנג.



וווּנדער איבער וווּנדער.

האָב איך אַ פּאָר אָקסן, אָקסן,
וואָס זיי בראָקן לאָקשן, לאָקשן.
אוי, וווּנדער איבער וווּנדער,
ווי די אָקסן בראָקן לאָקשן —
דאָס איז מיר אַ וווּנדער,
דאָס איז מיר אַ וווּנדער.

האָב איך אַ פּאָר טויבן, טויבן,
וואָס זיי בייען הויבן, הויבן.
אוי, וווּנדער איבער וווּנדער,
ווי די טויבן בייען הויבן —
דאָס איז מיר אַ וווּנדער,
דאָס איז מיר אַ וווּנדער.



אַ רעטעניש.

דו מיידעלע דו שיינס, דו מיידעלע דו קליינס,
איך וועל דיר עפּעס פרעגן אַ רעטעניש אַ פיינס:
וואָס איז העכער פאַר אַ הויז,
און וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ:
דער רויך איז העכער פאַר אַ הויז,
די קאַץ איז פלינקער פאַר אַ מויז.

דאָס ליד פון ברויט.

פאַר די הענטלעך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:
גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן!

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צו מאָלן.

ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן —
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און אַ רעגן — פערל־ריין —
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ הייבט אָן גיין.

הייבן אָן די ווינטן ווייען,
און די מילן־פליגל — דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסע מעל.

נעמען פעלדער זיך צו שפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן־זאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען.

קויפט דער בעקער מעל מיט הריוון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן.
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן.
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרן־גאָלד.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זיינען זיי געזונט און רויט.



הירזשענע קאַשע.

I.

געווען אַמאָל אַ מיידל, זייער אַ ווילדע. איר מוטער איז געווען אַן אָרעמע. זיי האָבן געוווינט אין אַ קליין הייזל. איינמאָל האָט זיי ניט געסטייעט קיין ברויט. זיינען זיי געזעסן הונגעריקע.

זאָגט דאָס מיידל: לאָמיך גיין אין וואַלד, טאָמער וועל איך עפּעס געפינען פאַר זיך און פאַר דער מאַמען צום עסן.

איז זי אַוועק. קומט איר אַנטקעגן אַן אַלטינקע. די אַלטינקע האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס מיידל און איר מאַמע הונגערן. דערלאַנגט זי דעם מיידל אַ טעפּעלע און זאָגט:

— אַז דו וועסט וועלן עסן, זאָלסטו זאָגן צום טעפּעלע: „טעפּעלע, טעפּעלע, קאָך!“ — וועט דאָס טעפּעלע אָנהייבן קאָכן אַ הירזשענע קאַשע, אַ גוטע, אַ געשמאַקע. וועסטו עסן, דער מאַמען געבן, נאָכדעם זאָלסטו זאָגן: „טעפּעלע, טעפּעלע, גענוג!“ — וועט דאָס טעפּעלע אויפהערן צו קאָכן.

דאָס מיידל האָט דער אַלטינקער גאָר פיין באַדאַנקט. איז געקומען אַהיים, געהייסן דעם טעפּעלע קאָכן. האָט דאָס טעפּעלע אויפגעקאָכט אַ הירזשענע קאַשע, אַ געשמאַקע,

אַ זיסע. מער האָבן שוין דאָס מיידעלע מיט דער מאַמען ניט געהונגערט, וואָרעם זיי האָבן געגעסן קאַשע צו זאַט.

II.

איינמאָל איז דאָס מיידל אַוועק שפּאַצירן. דערווייל האָט זיך דער מאַמען פאַרוואָלט עסן. זאָגט זי צום טעפּעלע: „טע-פּעלע, טעפּעלע, קאָך!" האָט דאָס טעפּעלע גענומען קאָכן. די מאַמע האָט אָפּגעגעסן, זי האָט געוואָלט זאָגן, דאָס טע-פּעלע זאָל אויפהערן קאָכן, אָבער זי האָט פאַרגעסן, וואָס מע דאַרף זאָגן.

האָט דאָס טעפּעלע אַלץ געקאָכט, איז געוואָרן פול. די קאַשע איז אַריבער די ברעגעס, האָט זיך געגאָסן אויפן טיש. פון טיש אויף דער פּאָדלאָגע. איז גאָר די שטוב פולער גע-וואָרן מיט קאַשע. און דאָס טעפּעלע קאָכט נאָך און קאָכט.

האָט זיך די קאַשע געגאָסן פון שטוב אין הויף אַריין, פון הויף אין גאַס, פון איין גאַס אין דער צווייטער, און אויפן וועג און אויפן פעלד, און איבער טאָל און איבער באַרג, און דאָס טעפּעלע קאָכט נאָך אַלץ און קאָכט. דאַכט זיך, עס האָט געוואָלט די גאַנצע וועלט אָנקאָרמען מיט הירזשענע קאַשע.

די שטאָטלייט האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט: אַ קאַשע פאַרפלייצט גאָר די וועלט, נאָר וואָס האָבן זיי געקענט מאַכן?

ס'זיינען געבליבן אין שטאָט נאָר צווײ הײזער, וואָס די קאַשע האָט זײ ניט פֿאַרדעקט. ערשט דעמאָלט איז דאָס מײדל געקומען פֿון שפּאַציר. זי האָט דערזען, וואָס דאָ טוט זיך, און געהײסן:

— „טעפּעלע, טעפּעלע, גענוג!"

— האָט דאָס טעפּעלע ערשט אויפֿגעהערט קאָכן.

און אַז עמעצער האָט געוואָלט אַדורכגײן איבער דער שטאָט, האָט ער געמוזט אַ פּולע, אַ פּולע קאַשע אויפֿעסן, ביז ער האָט זיך אַ וועג פֿרײ געמאַכט אין די גאַסן.

דאָס קיכעלע.

אמאָל איז געווען אַן אַלטער מיט אַן אַלטיטשקער. בעט דער אַל־טער: באַק מיר, אַלטיטשקע, אויס אַ קיכעלע.

— פון וואָס זאָל איך באַקן, אַז קיין מעל איז ניטאָ?

— אַך, אַלטיטשקע, קלייב צונויף אין שפּייכלער, רייב אַראָפּ פון זאַשיק, וועט זיין מעל.

די אַלטיטשקע האָט גענומען אַ פעדער, צונויפגעקליבן אין שפּייכ־לער, אַראָפּגעריבן פון זאַשיק, אָנגעקליבן אַ פּאָר הויפנס מעל, פאַרקנאָטן אַ טייג אויף מילך, אויסגעוועלגערט אַ קיכעלע, אָפּגעבראָטן אויף פּוטער און אַוועקגעשטעלט אויפן פענצטער קילן.

דאָס קיכעלע איז געלעגן, געלעגן און זיך אַראָפּגעקייקלט אויפן באַנק, פון באַנק אויף דער פּאָדלאָגע, נאָכדעם אויפן גאַניק, פון גאַניק אין הויף אַריין, און פון טויער, און אויפן וועג און אין וואַלד אַוועק.

קייקלט זיך דאָס קיכעלע איבערן וואַלד, ערשט אַ וואָלף גייט אַנטקעגן:

— קיכעלע, קיכעלע! איך וויל דיך אויפעסן!

— עס מיך ניט, וואָלף, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע.

און דאָס קיכעלע האָט גענומען זינגען:

איך בין קיכעלע, קיכעלע,
פון שפּייכלער געקליבן,
פון זאַשיק געריבן,
אויף מילך געקנאָטן,
אין אויוון געבראָטן,

אויפֿן פֿענצטער געקילט,
כ'בין פֿון זיידן אַנטרונען,
פֿון דער באָבען אַנטרונען.
דו, וואָלף, וועסט מיך זיכער ניט באַקומען.

און דאָס קיכעלע האָט זיך אַוועקגעקייקלט, דער וואָלף איז שטיין געבליבן ווי אַ נאַר.

קייקלט זיך דאָס קיכעלע ווייטער, ערשט אַ בער גייט אַנטקעגן:
– קיכעלע, קיכעלע, איך וויל דיך אויפֿעסן!
– עס מיך ניט, בער, וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע.
און דאָס קיכעלע האָט גענומען זינגען:

איך בין קיכעלע, קיכעלע,
פֿון שפּייכלער געקליבן,
פֿון זאַשיק געריבן,
אויף מילך געקנאָטן,
אין אויוון געבראָטן,
אויפֿן פֿענצטער געקילט;
כ'בין פֿון זיידן אַנטרונען,
פֿון דער באָבען אַנטרונען,
פֿון דעם וואָלף אַנטרונען,
דו, פֿוקס, וועסט מיך זיכער ניט באַקומען.

און דאָס קיכעלע האָט זיך אַוועקגעקייקלט. דער בער איז שטיין געבליבן ווי אַ נאַר.

קייקלט זיך דאָס קיכעלע ווייטער, ערשט אַ פֿוקס גייט אַנטקעגן:

„גוט מאָרגן דיר, קיכעלע! סאַר אַ שייִנינקער, סאַר אַ רויטינקער דו ביסט!"

דאָס קיכעלע האָט זיך דערפֿרייט, וואָס מען לויבט אים, און גענומען זינגען זיין לידעלע:

איך בין קיכעלע, קיכעלע.

פון שפּייכלער געקליבן,

פון זאַשיק געריבן,

אויף מילך געקנאָטן,

אין אויוון געבראָטן,

כ׳בין פון זיידן אַנטרונען,

פון דער באָבען אַנטרונען,

פון דעם וואָלף אַנטרונען,

פון דעם בער אַנטרונען

דו, פוקס, וועסט מיך זיכער ניט באַקומען.

דער פוקס האָט אויסגעהערט דאָס לידעלע און מאַכט אַזוי:

— „אָ, אַ פיין לידעלע! אָבער איך בין שוין אַלט געוואָרן, כ׳הער שלעכט. זעץ זיך צו מיר אויפן גאָמבעלע, און זינג נאָך אַמאָל, העכער אַ ביסעלע.“

דאָס קיכעלע איז אַרויפגעשפּרונגען צו דעם פוקס אויפן גאָמבעלע, גענומען זינגען דאָס לידעלע. דערווייל האָט דער פוקס געמאַכט „האַם!“ און דערשלונגען דאָס קיכעלע.



אויפן קאַרטאָפּל-פעלד.

היינט זיינען אַלע קלאַסן געגאַנגען זען, ווי מען גראָבט קאַרטאָפּל אין פעלד. איז דאָס געווען אַ פריילעכער שפּאַציר! די קינדער האָבן אָנגעטראָגן פון פעלד טרוקענע צווייגלעך און פונאַנדערגעלייגט אַ פייער. די לערער האָבן געגעבן געלט, מען האָט געקויפט אַ קאָשיק קאַרטאָפּל ביי דעם פויער און אַוועקגעלייגט אינעם פייער באַקן.

האָט זיך עס פונאַנדערגעטראָגן אַ ריח איבערן פעלד!

דאָס פייער האָט געקנאַקט און געשפּרונגען אינדערלופטן, געפרעסן די צווייגעלעך, און די קינדער האָבן אַרום געטאַנצט און געזונגען.

ווען די קאַרטאָפּל האָבן זיך אָפּגעבאַקט, האָבן מיר געהאַט אַ טייערע סעודה. איך האָב געמיינט, אַז די קאַרטאָפּל זיינען דערפאַר אַזוי געשמאַק, וואָס מיר האָבן זיי גלייך פון דער ווייכער ערד פרישינקע געבאַקט. איך האָב דאָס געזאָגט דער לערערין. האָט זי געשמייכלט.

צוריקגייענדיק אַהיים פון שפּאַציר האָט אונדז די לערערין געהייסן קלייבן ביי די מעזשעס שטענגעלעך פון גראָזן — קיילעכדיקע, פּירקאַנטיקע, אַלערליי.

מיר האָבן געבראַכט אין שול אַ גאַנצן באַרג מיט גראָזן.

— דאָס, — האָט די לערערין געזאָגט, — דאַרפן מיר צו אַ קאָלעקציע.

אַ קאָלעקציע פון פאַרשיידענע מינים ערד האָבן מיר שוין פון פריער. וועט דאָס שוין זיין ביי אונדז די צווייטע קאָלעקציע.

דער באָב, דאָס קײלכעלע
און דאָס שטרײעלע.

די באָבע האָט פונאַנדערגעלײגט אַ פײער אויפן פריפּעטשיק און אונטערגעצונדן מיט שטרוי. איז אײן שטרײעלע אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און געבליבן ליגן. ווען דאָס פײער האָט זיך צעפלאַקערט, האָט דאָס האָלץ דערלאַנגט אַ קנאַק, און אַ קײלכל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פּריפּעטשיק און געפאַלן לעבן דעם שטרײעלע. ליגן זײ בײדע אײנס לעבן צווײטן. דערווײל האָט די באָבע גענומען שיטן באָב אין טעפּל. האָט זיך אײן באָב אַרויסגעדרײט פון אירע הענט און פאַרקײקלט איבער דער פּאָדלאָגע צו דעם קײלכעלע און צו דעם שטרײעלע.

דאָס איז געווען אַ פרײלעך בעבל. ער האָט ניט ליב געהאַט צו ליגן אויף אײן אָרט. זאָגט ער צו דעם קײלכעלע און צו דעם שטרײעלע:

— וואָס וועלן מיר דאָ אויסליגן, חברים? קומט בעסער וואַנדערן איבער דער וועלט. וועט זײן פרײלעכער.

האָבן זײ זיך זאַלבעדריט אַוועקגעלאָזט וואַנדערן.

זײַבען זײ געגאַנגען און ס'איז זײ געווען פרײלעך. לסוף זײַנען זײ געקומען צו אַ טײכל. דאַרף מען אַריבער דאָס

וואַסער. און קיין בריק איז ניטאָ, און קיין שיפל אויך ניט. וואָס טוט מען?

זאָגט דאָס שטרייעלע: איך וועל מיך אויסציִען פון איין ברעג צום צווייטן, און גייט איבער מיר אַריבער, ווי איבער אַ בריקל. האָבן זיי אַזוי געטאָן. דער ערשטער איז אַריבער דער באָב און איז בשלום אָנגעקומען אויפן צווייטן ברעג. נאָכדעם האָט זיך געלאָזן גיין דאָס קיילכעלע און האָט זיך אינמיטן דערשראָקן און געבליבן שטיין. האָט זיך אונטער־אים דאָס שטרייעלע אָנגעצונדן און איז פאַרברענט געוואָרן, איז דאָס קיילכעלע אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער. ס'האָט באַר געטאָן אַ זיד און פאַרטיק — פאַרלאָשן.

דער באָב האָט דאָס דערזען, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעקלעך געלעכטער. און אַזוי ווי דער באָב איז אַ גראָ־בינקער און אַ פּוליגקער, האָט ביי אים פון דעם געלעכטער געפּלאַצט דאָס העלדזל.

איז ער אַוועק פאַרנייען דעם געפּלאַצטן אָרט. אָבער דער שניידער האָט ניט געהאַט קיין ווייסן פאָדים. האָט ער פאַרנייט מיט אַ שוואַרצן פאָדים.

איז זינט דעמאָלט ביי דעם באָב געבליבן אַ שוואַרצער נאָט אויפן האַלדז.



אין סאָד.

עפּל־פּעפּינקעס און פלוימען
און די שווערע באַרן־בער.
בעטן ביימער: ליבע קינדער,
נעמט אַראָפּ אַ קאָפּ, ס'איז שווער.

לאָזט זיך חברה לאַנג ניט בעטן,
לאַנג ניט בעטן — צוליב וואָס?
טרייסלען ביימער, בויגן צווייגן:
פאַלן פרוכטן אויפן גראָז.

עסט מען אָן זיך זיס און זאַפטיק,
זאַפט און זיסקייט — האָניק, וויין —
ווען אין מויל קען שוין ניט קריכן,
קריכט אין קעשענע אַריין.

פולע קעשענעס געפּאַקטע,
קוים צו רירן זיך מיט זיי.
און עס גלוסטן נאָך די אויגן,
נאָר די בייכלעך טוען וויי.

מוז מען אָפּרוען אַ ביסל,
און אַ לייג זיך אויפן גראָז.
קוקט אַראָפּ אַ באַק פון עפּל,
און פון פלוים אַ בלוי'ע נאָז.

און אַ בינטל רויטע ווײַנשל
אויף דעם לעצטן צווייג—אָן־דאָרט!
אָך, זיי לאָזן דאָך ניט רוען —
איז אַ כאַפּ זיך אויף פון אָרט.

קריכן, וואַרפן, רייסן, טרייסלען,
פלאַטער־פליטער, בלעטער־בלאַט!
און געפּאַקט שוין, און באַקומען,
און אַ לייג זיך ווידער מאַט.

און אַריינגעשטעקט די ציינדלעך
און געהאַלטן לאַנג אַזוי.
עפּל, באַרן, ווײַנשל, פלוימען!
אַך, ווי גוט איר זייט, אוי־אוי!

דער שײנער עפּל.

בײַ יאַנקלס טאַטן אין גאָרטן איז געוואַקסן אַן עפּלבוים. טײערע עפּל זײַנען אויף אים געוואַקסן. ער איז געווען ניט קײן הויכער, אַ ברײטער, מיט לאַנגע צווײַגן. און עפּל זײַנען אויף אים געוואַקסן מיט רויטע באַקן. פֿון אָנהײב זײַנען זײ געווען גרינע, נאָר צום סוף זומער האָבן זײ גענו־מען צײַטיק ווערן, זײַנען בײַ זײ די באַקן געוואָרן אַזעלכע רויטע, אַז מען האָט זײ פֿונדערווײַטן געקענט איבערצײלן צווישן די גרינע בלעטער.

יאַנקל איז אַלע טאָג געלאָפֿן אין גאָרטן קוקן אויף די עפּל. ער האָט געטראַכט:

— זײ זײַנען אַוודאי זײער געשמאַקע! אײן עפּל איז געהאַנגען אַזוי נידעריק, אַז יאַנקל האָט אים געקאָנט דערגרײכן מיט דער האַנט; ער האָט נאָר געדאַרפֿט עטוואָס אונטערשפּרינגען. אָבער ער האָט דעם עפּל ניט אָפּגעריסן. די מאַמע האָט ניט געהײסן.

אײנמאָל קומט יאַנקל צו לויפֿן אין גאָרטן און זעט: דער עפּל איז ניטאָ. אים איז אַזש הײס געוואָרן: ווּ איז אַהינגעקומען דער עפּל?

ערשט דער עפּל ליגט אין גראָז און שמײכלט צו אים.

איז דאָס געווען אַ װיסער, אַ זאַפּטיקער עפּל!



האַרבסט.

קאַלטע גראָע וואָלקן ציען,
און די פייגעלעך זיי פליען
צום ווייטן לאַנד אַוועק! אַהין, אַהין,
ווו ליכטיק, וואַרעם איז און גרין.
שטיל וועט זיין אָן זאַנג און קלאַנג.
פליט אַיך, פליט, נאָר נישט אויף לאַנג!
אונדז נאָר, קינדער, נישט פאַרגעסט!
ווי פאַרביי נאָר שניי און פֿרעסט, —
אין דעם זעלבן אויגנבליק
קומט צוריק, קומט צוריק!

—

האַרבסט.

ס'איז דער האַרבסט געקומען,
ס'וועלקן בוים און בלום.
געלע בלעטער, זע איך,
וואַלגערן זיך אום.

ס'קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
פייפט אַ לידל צו;
און די אָרעמע בלעטער
האָבן ניט קיין רו:

הייבן זיך און טאַנצן
טויטערהייט אָן מאַכט...
און דער ווינט דער בייזער
פייפט, און שפילט, און לאַכט.

הײנט זײַנען מיר געגאַנגען מיט אַלע קלאַסן צוזאַמען אין וואַלד קלײַבן בלעטער.

עס איז געװען אַ װאַרעמער טאָג. כּמעט אַזױ גוט װי אינמיטן זומער.

נאָר עפּעס איז געװען אַנדערש װי זומער. די פּעלדער בײַ בײדע זײַטן פֿון װעג זײַנען געלעגן נאַקעטע, גרױע. פֿון דער ערד האָבן געשטעקט צעבראָכענע שטרײַעלעך.

פֿאַרן װאַלד ציט זיך אַ לאַנגע אַלעע. דאָרט װאַקסן הױכע קלױנעס און בעריאָזעס. האָבן זײ אױסגעזען װי גאָלדענע. ערטערװײַז זײַנען די בלעטער געװען רױטע. דאָס איז שײן. אָבער ניט אַזױ פֿרײלעך װי זומער, װען די בלעטער זײַנען גרין.

קײן װינט איז כּמעט ניט געװען, פֿונדעסטװעגן זײַנען בלעטער געפֿאַלן. געפֿאַלן אַזױ שטיל, פּאַמעלעך. װי אַזױ פֿאַלן זײ דאָס אַלײן פֿון זיך? די לערערין האָט עס אונדז דערקלערט.

דער גאַנצער װעג איז געװען באַשאָטן מיט בלעטער. זײ האָבן אַזױ שײן געשאָרשעט אונטער די פֿיס. מיר האָבן זײ געקליבן. אָנגעקליבן גאַנצע פּעק אױפֿן װעג. און נאָכדעם אין װאַלד האָבן מיר נאָך גענומען בלעטער פֿון ניס, פֿון אָליכע און פֿון אַנדערע בײמער.

מיר האָבן געבראַכט אַ מאַסע בלעטער פון דעם שפּאַ־ציר. די לערערין האָט געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן מיר זיי סאָרטירן. אַנדערע וועלן מיר טריקענען און צונויפשטעלן אַלבאָמען און פון די איבעריקע וועלן מיר פלעכטן קראַנצן און באַפּוצן מיט זיי דעם קלאַס.

דער וואַלד אין האַרבסט.

— אָך! — ברעכט אַרויס דער וואַלד
מיט שטורעם און געוויין. —
ווו זיינען זיי, וואָס האָבן זיי
געלאָזן מיך אַליין?

איך האָב דאָך איטלעכס פייגעלע
פאַרזאָרגט מיט דירה, קעסט,
געגעבן פרייהייט, שפּרינגט און זינגט,
צי ליגט באַרוט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינט פון האַרבסט
האָט זיי נאָר אָנגערירט, —
צעפלויגן זיינען זיי פון מיר,
דעם „זיי־געזונט" פאַרפירט.

ווילדע גענדז.

ווילדע גענדז, וווהין די וואַנדער?
— אין ווייטע לענדער איז די וואַנדער.
ווילדע גענדז, ווער ווייס די וועגן?
— ביי די ווינטן וועלן מיר פרעגן:
ווינט פון דרום, ווינט פון צפון,
ווו איז אונזער זון אַנטלאָפן?

חיים דער פאָן־טרעגער.

אין שול איז דאָ אַ פאָן, אַ זיידענע מיט זילבערנע שטערנדלעך. דאָס איז די פאָן פון דער שול. חנוכה איז אַ יום־טוב אין שול. דאַרף מען אָפּריידן, ווער זאָל טראָגן די פאָן פון שול, ווען מען וועט מאַרשירן בשעתן יום־טוב אין זאַל.

האָבן אַלע קינדער געמיינט, אַז די פאָן דאַרפן געוויס טראָגן די קינדער פון עלטסטן קלאַס, זיי זיינען דאָך די גרעסטע. די פאָן איז אַ גרויסע, אַ ברייטע. אַ גרויסער יינגל דאַרף טראָגן די גרויסע פאָן.

די פאַרזאַמלונג פון אַלע קינדער פון אַלע קלאַסן דאַרף דאָס באַשליסן. האָט חיים פון צווייטן קלאַס געבעטן ביי לייבלען, וואָס האָט געהאַלטן דאָס גלעקל אין האַנט, אַז ער זאָל אים לאָזן עפּעס זאָגן.

— איך זאָג, — האָט חיים זיך אָפּגערופן הויך, — אַז די פאָן דאַרף מען געבן טראָגן דווקא אַ קלענערן חבר, פון ערשטן קלאַס!..

— ניין! ניין! — האָבן אַ פולע קינדער געשריען.

— לאָזט אים ריידן! — האָט לייבל געקלונגען.

עס איז שטיל געוואָרן.

— איך זאָג, אַז נאָר אַ קלענערער! — האָט חיים פון צווייטן קלאַס ווייטער גערעדט. — אַ קלענערער וועט נאָך אַ סך גיין אין שול, און אַ גרעסערער ענדיקט שוין.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, עס איז זיי געפעלן. חיים איז רויט געוואָרן.

— זאָל מען גאָר אים אויסקלייבן! — האָט אַ געשריי געטאָן וועלוול.

— ווער איז פאַר דעם, אַז חיים זאָל טראָגן אויפן חנוכה־יום־טוב די פאָן? — האָט געפרעגט לייבל.

כמעט אַלע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן: חיים זאָל טראָגן די פאָן.

חיים האָט זיך אויף דעם גאָרניט געריכט, ער איז פון דעם אַליין נאָך רויטער געוואָרן און אַראָפּגעלאָזן נידעריק זיינע גרויסע אויגן.

* * *

אויף מאָרגן איז חיים געווען פון די ערשטע קינדער אין שול. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שבתדיקן רעקל. זיינע שיך האָבן געגלאַנצט. ער האָט זיך אַליין פאַרקאַמט די האָר פאַרן שפּיגל.

ס'איז גוט אַ יום־טוב. די קינדער זעען גאָר אַנדערש אויס. אין די קלאַסן איז פריילעך. מען לאַכט. עס זיינען דאָ מאַמעס, שוועסטער, און טאַטעס אויך. אַזוי פיל מענטשן.

מען הערט שוין פון זאַל, ווי די פּיאַנע שפּילט. די עלטערע קינדער זיינען שוין דאָרט. עס הערט זיך, ווי דער כאָר זינגט. באַלד הייבט זיך אָן דער יום־טובדיקער צוג אין ליכטיקן זאַל.

אַלע זיינען גרייט, אַ פּאָר הונדערט קינדער — אַזאַ סך. מען מאַרשירט אין זאַל אַריין.

און חיים? — חיים איז פאַרטראָגן. חיים איז אַ שיינענדיקער. ער טראָגט פאָראויס די גרויסע פאָן מיט די שטערנדלעך. ער הייבט די פאָן אינדער־הויך. די פאָן זאָל אינדערהויך פלאַטערן.

עפנט ברייטער אַלע טירן —

צעזינגט זיך די גאַנצע מחנה קינדער. און מען לאָזט זיך גיין אין זאַל אַריין. דאָרט ברענען אַ סך לאָמפּן. ביי די זייטן זיינען אַ פולע מענטשן, און אויפן רעכטן מיטן מאַרשירט מען. און די קינדער זינגען אַזוי פריילעך און געשמאַק.

לייכט די פּיסלעך, אָט זיי שוועבן...

פאָראויס גייט חיים, דער קליינער חיים פון צווייטן קלאַס. די הענט אינדערהויך צוזאַמען מיט דער פאָן, דער קאָפּ אויפגעהויבן, די אויגן ר'יכטן זיך צו דער פאָן.

און דאָ האָט עפּעס געטראָפן. אַלע קינדער האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט און זײַנען שטיל געוואָרן. די פּיאַנע האָט נאָר אַליין געשפּילט. און חיים האָט גאָרניט באַמערקט; ער איז ווײַט געגאַנגען איבערן זאַל, אַליין מיט דער פֿאָן. די פֿאָן האָט געפּלאַטערט, די שטערנדלעך האָבן געפֿינקלט. אויפֿן מיטן זאַל איז פּוסט געווען. און די פּיאַנע האָט געשפּילט, און חיים איז געגאַנגען אַליין מיט דער פֿאָן; געגאַנגען, ווי אַמאָל, בשעת מען שלאָפֿט, און עס חלומט זיך...

האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן חיים דער פֿאָן־טרעגער.

א ש נ י י ע ל ע.

אַ שנייעלע פֿליט,
אַ שנייעלע פֿאַלט,
די שנייען פֿאַרשיטן דאָס פֿעלד און דעם וואַלד.

דאָס טײַכעלע פֿרירט,
דאָס טײַכעלע שטייט,
דאָס קלאָרינקע טײַכל מיט שנייען פֿאַרוויט.

דאָס שטיבעלע ווײַס,
די פֿענצטער מיט אײַז,
בײַם שטיבל אין גערטל אַ ראָב זוכט זיך שפּײַז.

דער ראָב שרײַט „קראַ־קראַ!“ —
אַ לשון אַזאַ.
— ראָב, נאַ דיר מײַן קיכעלע, טראַ־לאַ־לאַ־לאַ!

רייזעלע די שוואַרצע.

רייזעלע איז אינגאַנצן אַ שוואַרצע — שוואַרצע בעק־לעך, שוואַרצע הערלעך און שוואַרצע אייגלעך.

אָבער רייזעלע האָט געהאַט אַ ווייסע פּאָפּקע, מיט ווייַ־סע בעקלעך. האָט זי אויך געוואָלט האָבן אַזעלכע, ווי בײַ דער פּאָפּקע.

האָט זיך רייזעלע צוגעקליבן צום זעקל מעל און אײַנ־געטונקט דאָס פּנים. די מאַמע וואָלט זי ביט דערקענט, נאָר רייזעלע האָט פאַרגעסן איין בעקל אײַנצוטונקען. האָט זי געהאַט איין באַק אַ ווייסע, די צווייטע — אַ שוואַרצע.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט, און רייזעלע האָט ביט ליב געהאַט, אַז מ'זאָל לאַכן פון איר. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע אייגלעך.

די באָבע האָט געזען, אַז רייזעלע וויינט, האָט זי איר צוגערופן און אַזוי געזאָגט:

— רייזעלע קרוין, באַלד וועט גיין אַ שנײַ, וועסטו מיטן ערשטן שנײַ אויסוואַשן דאָס פּנימל, וועסטו ווערן אַ קלאָר ווייס מיידעלע.

האָט רייזעלע אַלע טאָג געקוקט אין פענצטער, צי דער שנײַ איז שוין אַרויסגעפאַלן.

און ער איז טאַקע אַרויסגעפאַלן.

ס'איז געוואָרן ווייס דער דאַך, דער ברוק, אַפילו דער בוים, וואָס אַנטקעגן שטוב. אַזוי ווייס, נאָך ווייסער, ווי די בעקלעך ביי דער ליאַלקע.

איז רייזעלע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, גענומען פרי־שינקן שניי — ער איז געווען אַזוי ווייך, אַזוי גלאַט — פוך און פוך און ווייס. האָט זי גענומען שניי און געוואַשן זיך דאָס פנימל, די בעקלעך — איצט שוין ביידע — און דאָס נעזל, און דעם שטערן, און די אייגלעך.

און שטילינקערהייט איז זי אַריין אין שטוב, אַרויפגע־קראָכן אויפן קאָמאָד און אַריינגעקוקט אין שפּיגל — צי זי איז שוין אַ ווייס מיידעלע.

— רייזעלע! וווהין ביסטו אַרויפגעקראָכן? — האָט די באָבע געפרעגט. — דו וועסט אַראָפּפאַלן.

רייזעלע האָט אויסגעדרייט דאָס פנימל צו דער באָבען.

— רייזעלע! וואָס ביסטו אַזאַ רויטינקע? — האָט די באָבע געזאָגט.

— איך האָב מיך אויסגעוואַשן מיט שניי, — האָט ריי־זעלע געענטפערט. — האָסט דאָך אַליין געזאָגט, באָבעשי.

רייזעלע איז טאַקע ניט געוואָרן קיין ווייסינקע. אָבער זי איז געוואָרן אַ רויטינקע.

נאָר די אייגלעך זיינען געבליבן שוואַרצע.

אונדזערע חיות.

מיר האָדעווען אין שול אַ פּאָר קיניגלעך, אַ העזעלע, אַ ווייסן פּאַצוקל און טייבעלעך.

מיר האַלטן זיי ניט אין קיין שטייגן. זיי גייען ביי אונדז אַרום פריי. נאָר דער לאַנגאָויער איז אַ פּחדן און באַהאַלט זיך הינטערן אַלמער. די איבעריקע האָבן גאָר קיין מורא ניט.

אַ דרייסטער איז דער פּאַצוק. סאַמע אינמיטן דער לעקציע שפּאַצירט ער אַרום איבערן קלאַס! מיט די טייבעלעך איז אויך אַזוי. אינמיטן לערנען דערהערט זיך פּלוצלינג איבער די קעפּ: פּרו-פּרו-פּרו — דאָס פליען זיי אַריבער פון אַלמער, ווו זיי האָבן פאַר זיך אַ קעסטעלע מיט היי, אויפן אויוון. איך האָב ליב צו הערן דאָס פּאָכן פון זייערע פליגל.

טשיקאַווע זיינען די קיניגלעך. רק זיי איילן זיך, רק זיי איילן זיך!

היינט האָבן מיר פון די קיניגלעך געהאַט נחת! ביי זיי זיינען געבוירן געוואָרן צוויי יונגינקע!

איז דאָס געווען אין קלאַס אַ שמחה!

מען האָט די ערשטע לעקציע גאָרניט געקענט לערנען!



שניי־טייבעלעך.

שניי, און שניי, און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך, טייבעלעך,
פליען, פליען, זעצן זיך
אויף דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווייסינקע,
פול באַזעצט מיט טייבעלעך,
שניי, און שניי, און שנייעלעך,
פרישינקע, ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טייבעלעך;
לויף איך — פליען טייבעלעך,
שניי, און שניי, און שנייעלעך —
מיך פאַרדרייען זיי.

אוי אַ שאָד צו רירן זיי!
אוי אַ שאָד צו טרייבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך נישט —
ס'טוט מיר האַרציק וויי.

דער ווינט האָט זיך איבערגעבעטן.

I.

דער ווינט איז אין כעס געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט. קיינער לאָזט אים זיך ניט אויסרוען ביי זיך. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן פעלד, פאַרקאַשערט די אַרבל, אָנגעגורט די לענדן און גענומען בלאָזן מיט אַלע כוחות.

קיינמאָל האָט נאָך ניט געטראָפן אַזאַ זאַווערוכע.

אַרום די דערפער און אַרום די שטעטלעך האָבן זיך אָנגעשאָטן בערג פון שניי. הינט זיינען געשטאַנען ביי די נאָרעס מיט אויסגעצויגענע העלדזער און געוואָיעט. אומעטום האָט מען פאַרמאַכט די לאָדנס, פאַרריגלט גוט די טירן. נאָר דער ווינט האָט געקלאַפּט אין די אושאַקעס פון די טירן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי די קוימענס און געוויינט אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן.

II.

און אין אַ שטיבל, וואָס איז געשטאַנען ביים עק שטאָט, האָט געוווינט אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך. דער ווינט האָט פאַרשאָטן מיט שניי דאָס גאַנצע שטיבעלע. די קינדערלעך האָבן זיך געטוליעט צו דער מוטער. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַרן ווינט. די מאַמע האָט זיי געגלעט איבער די קעפּלעך און געוואָלט איינשלעפערן. עס האָט אָבער געקלאַפּט דער ווינט אין די פענצטער און ניט געלאָזן שלאָפן.

— מאַמע, גיי בעט דעם ווינט, ער זאָל ניט קלאַפּן אַזוי אין די פענצטער!

דער ווינט איז געשטאַנען הינטערן וואַנט, ער האָט געהערט, וואָס די קינדערלעך פאָדערן פון זייער מאַמען. עס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ. דער גוטער ווינט איז אָבער געווען אין כעס אויף דער וועלט.

האָט ער זיך נאָך מער צעוויינט. עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער לעבט אָפּ זיין לעבן אַזוי ווי אַ הונט אין דרויסן, און קליינע קינדער שרעקן זיך פאַר אים.

III.

— מאַמע, גיי בעט דעם ווינט, ער זאָל אויפהערן צו זיין אין כעס!

די מאַמע האָט אויף גיך אָנגעטאָן די פאַטשיילע, זי האָט אויפגעעפנט די טיר פון פירהויז: עס איז פינסטער. האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אויפן שוועל און געזאָגט אין דער פינסטערניש:

— ווינט, ווינט, הער אויף צו זיין אין כעס!

האָט דער ווינט ניט געפאָלגט. ער האָט זיך נאָך מער צעבייזערט און אַ שאָט געגעבן דער מאַמען אין פּנים אַריין אַ פולן הויפן שניי. האָט די מאַמע אָפּגעווישט דעם שניי פון פּנים און געזאָגט צום ווינט אַ צווייטן מאָל:

— ווינט, גוטער ווינט, באַטראַכט זיך, וואָס דו טוסט!

האָט איר דער ווינט דאָס מאָל אויך ניט געפאָלגט, נאָר אין פּנים האָט ער שוין מיט שניי ניט געשאָטן.

האָט די מאַמע זיך דעמאָלט געווענדט צום ווינט מיט טרערן אין די אויגן:

— ווינט, טייערער ווינט, טו פון די קליינע קינדערס וועגן!

IV.

איז דער ווינט באַלד שטילער געוואָרן. דער שניי האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו שיטן. הינטער די ראָגן פון די שטיבער האָט זיך נאָך געהערט אַ פאַרשטיקטער געוויין. נאָר אַלץ שטיל און שטילער. ביז ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט.

דער ווינט האָט זיך איבערגעבעטן.

און אינדערפרי האָבן אַלע ייִנגלעך אַראָפּגערוקט די היטלען איבער די אויערן, אָנגעטאָן גרויסע הענטשקעס, גענומען רידלען אין די הענט און אָפּגעקערט דעם שניי, וואָס האָט פאַרשאָטן אַלע טירן.

זיידעשי פראָסט.

אין אַ וואַטע-שפּענצערל,
אין אַ וואַרעם קאַפּטער
גייט אַרום אַ טענצערל,
מיט די פּיסלעך קלאַפּט ער.

קלאַפּט ער אויס מיט פּיסעלעך
ניגעלעך פון פריידן,
פירט ער ווינטער, פירט ער קעלט,
פירט ער אום זיין זיידן.

און דער ווייסער זיידע פראָסט
בלאָזט אין זיין טרומייטער.
הינקענדיק אויף ביידע פיס
היפּערט ער און גייט ער.

גייט ער איבער וואַלד און פעלד,
איבער גראָז און גרעזער.
שפּרייזט דאָס אייניקל מיט אים,
רויטלט אַלע גלעזער.

גייען מענטשעלעך אין גאַס,
וואַנדלען אום און האַנדלען,
קויפן און פאַרקויפן זיך
ראָזינקעס מיט מאַנדלען —

אַז מען האַנדלט, איילט מען זיך,
האָט עס פיינט דער זיידע, —
שטעלט ער אונטער זיינע פיס
הינקעדיקע ביידע.

פאַלן מענטשעלעך אויף גליטש,
קוילערן זיך איבער.
לאַכט דעריבער אַלטער פראָסט,
פרייט ער זיך דעריבער.

גייען זיי טאָג-איין, טאָג-אויס,
אייניקל און זיידע,
ביידע וואַרעם אָנגעפּעלצט,
און גערויטלט ביידע.

זיידע גייט מיושבדיק,
בלאָזט אין זיין טרומייטער,
און אַ פריילעכקייט און קעלט
זייט ער און פאַרשפּרייט ער.

און דאָס קונדס-אייניקל
מאַכט פון שניי אַ קייקל,
טאַנצט מיט דעם אַרום, אַרום,
זינגט זיך אויף אַ ביי-קול.

זינגט און טענצלט אין דער וועלט,
טאַנצט ער אויף חידושים.
כאַפּט דער זיידע אויף די הענט
און דערלאַנגט אַ קוש אים.

נאָר ביינאַכט, ווען ס'דרעמלט שוין
זיידעשי אַ מידער,
אויסגעצויגן אין דער לענג,
אין דער ברייט די גלידער;

און לבנה, שטערנדלעך
הייבן אָן צו קומען, —
גנבעט זיך דאָס טענצערל,
מאָלן וויל ער בלומען.

גנבעט ער זיך שטיל אַרויס,
שטיל זיך אויפגעהויבן,
לויפט ער צו די פענצטערלעך
צו באַמאָלן שויבן.

טענצלט ער ביי פענצטערלעך
פון דער ערד דערהויבן;
מאָלט ער ווייסע צווייגעלעך,
צווייגעלעך און טויבן.

טייבעלעך און בלעטעלעך,
צעטעלעך לאָזט איבער
אָט דער קליינער טענצערל,
דער קונדסל דער ליבער

כאַפּט זיך אָבער זיידע אויף
פון אַ סקריפּ פון שליטן
פונקט אינמיטן איינדרעמלען,
סאַמע אינדערמיטן;

כאַפּט ער זיך — דאָס אייניקל
איז אים ווו פאַרפאַלן!
הייבט ער אָן צו יאָגן אים:
הייבט ער אָן צו פאַלן.

פאַלט ער און ער גוואַלדעוועט,
האַלט ער אין איין שרייען,
אַז ער האָט ניט ליב די „קונץ" —
צאַצקעס, מאַלערייען!

און ער פּאַקט אים ערגעץ־ווו,
ערגעץ ביי אַ טויער;
כאַפּט ער אים מיט ביידע הענט,
דרייט אים אָן אַן אויער.

און ער לייגט אים ביי דער זייט
לעבן זיך צו שלאָפן;
און אַ קיילעכדיקע נאַכט
טוט ער אים נאָר שטראָפן:

„סטייטש אַזוי און סטייטש אַזוי!
וואָס איז פאַר אַן אופן!
נאַכט ביי נאַכט ניט שלאָפן גאָר,
גאַנצע נעכט צו לויפן?!

האָרכן דאַרף אַן אייניקל!
סאַר אַ נייע נייסן!
וועסטו ניט געהאָרכן מער —
וועל איך זיכער שמייסן".

שטראָפט, און בייזערט זיך, און ברומט,
מוסר זאָגט דער זיידע,
און ביז סאָמע, ביז פאַרטאָג
הערט מען — שנאָרכן ביידע.

פייגל-דערנערונג.

מיר האָבן שוין לאַנג איינגעאָרדנט אין שול אויפן הויף אַ פּלאַץ, וווּ מיר קאָרמען פייגל. פונקט אַנטקעגן די פענצטער פון אונדזער קלאַס איז פאַראַן אַ הויך בערגל פון שטיינער און אַלטע ציגל. האָבן מיר אָפּגערייניקט דעם שניי, אויסגעגלייכט די ציגל, פאַרדעקט מיט זאַמד, און ס'איז געוואָרן אַ פייגל-טיש.

אַלע טאָג שיטן מיר דאָרט אויס ברעקלעך ברויט. אַמאָל קערנער, גרויפּן, אַרבעס. די פייגלעך קומען און פּיקן. און מיר קוקן אויף זיי פון פענצטער. ס'איז כדאי צו זען, ווי די שפּערלעך כאַפּן איינע פון די אַנדערע דאָס עסן. אוי, האָבן זיי ליב צו רייסן זיך

היינט האָט מען געוועז פאַרגעסן אָנצוגרייטן פאַר די פייגל עסן. זיינען די פייגעלעך געקומען צו פליען און האָבן גאָרנישט געפונען. פלעגט אַ פייגעלע אַרויספליען אויפן טיש, טאָן אַ שפּרונג אַהער, אַהין, אַן אומעטיקע אַרומקוקן זיך, און אַוועקפליען.

אונדז איז אַלעמען געווען אַ צער צו קוקן אויף די הונגעריקע. האָבן מיר צענויפגענומען פון אונדזערע אָנבייסנס שטיקלעך ברויט און קוכן און אַרויסגעטראָגן. גלייך זיינען אָנגעפלויגן פייגל — מיט אַ פייש-טשעריי, מיט אַ פרייד. פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען? אפנים, אַז זיי האָבן ערגעץ פונדערנאָענטן געוואַרט דערויף.

די לערערין האָט אונדז היינט דערציילט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ לאַנד נאָרוועגיע. מאַכט מען דאָרט סעודות פאַר די פייגל אַזוי: מען שטעלט אַרויס אויף ביימער, אויף הויכע שטעקנס און אויף די דעכער גאַרבן מיט פולע זאַנגען.

און נאָך האָט אונדז די לערערין דערציילט, אַז ביי אונדז יידן איז אויך פאַראַן אַן אַלטער מנהג צו וואַרפן שבת-שירה קאַשע פאַר די פייגל אויף די דעכער.

אַ מעשה מיט אַ האָז.

I.

אַ האָז האָט ווינטער געווינט לעבן דאָרף. אַז ס'איז אָנגעשטאַנען די נאַכט, האָט ער אויפגעהויבן איין אויער, צוגעהערט זיך; נאָכדעם אויפגעהויבן דעם צווייטן אויער, אַ ביסל אַ דריי געטאָן די וואָנצעס, אַ שמעק געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּקעס. נאָכדעם האָט ער געטאָן אַ שפּרונג איינמאָל, צוויי מאָל איבער דעם טיפן שניי, ווידעראַמאָל זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּקעס און גענומען זיך אַרומקוקן. אַרום און אַרום האָט זיך גאָרנישט ניט געזען אויסער דעם שניי. דער שניי איז געלעגן כוואַליעסווייז און האָט גע-גלאַנצט ווי צוקער. איבער דעם האָזס קאָפּ איז געהאַנגען אַ פּראָסטיקער נעפּל און דורך דעם נעפּל האָבן זיך געזען גרויסע העלע שטערן.

דער האָז האָט געדאַרפט אַריבערגיין דעם גרויסן שליאַך, כּדי ער זאָל קאָנען צוקומען צו אַ באַקאַנטן שייער. אויפן גרויסן שליאַך האָט זיך געהערט, ווי עס סקריפּען שליטנס און עס ניסן פערד.

דער האָז האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט לעבן וועג. פּויערים זיינען געגאַנגען לעבן די שליטנס מיט אויפגעהויבענע קאָלנערס פון די שערמי-געס. קוים-קוים וואָס די פּנימער זייערע האָבן זיך געזען. די בערד, די וואָנצעס און די ברעמען זיינען ביי זיי געווען ווייסע. פון די מיילער און פון די נעזער איז ביי זיי געגאַנגען אַ פּאַרע. די פערד זיינען גע-ווען פאַרשוויצטע, און דער שווייס איז פאַרפרוירן געוואָרן. צוויי זקנים זיינען געגאַנגען איינער לעבן צווייטן און עמעצער פון זיי האָט דערציילט, ווי מען האָט ביי אים געגנבעט אַ פערד.

II.

אַז די פורן זיינען דורכגעפאָרן, איז דער האָז אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם וועג און אַוועק מיט לייכטינקע טריט צום שייער. אַ הינטל,

וואָס איז געלאָפֿן נאָך די פֿורן, האָט דעם האָז דערזען. האָט ער אָנגע־הויבן בילן און געלאָזט זיך נאָך אים לויפֿן. דער האָז איז אַוועקגעשפּרונ־גען איבער די שניי־קופּעס צו דעם שייער. דעם האָז האָט דער שניי אויפֿגעהאַלטן, אָבער דער הונט איז ביי דעם צענטן טריט פֿאַרזונקען געוואָרן אין שניי און האָט זיך אָפּגעשטעלט. דעמאָלט האָט זיך דער האָז אויך אָפּגעשטעלט. איז אַ ווײַלע געזעסן אויף די הינטערשטע פּיסלעך און נאָכדעם פּאַמעלעך אַוועק צום שייער. גייענדיק האָט ער אויף דעם קאָרנפֿעלד באַגעגנט צוויי האָזן. זיי האָבן זיך געפּיטערט און געשפּילט. דער האָז האָט זיך אַ ביסל געשפּילט מיט די חברים, צוזאַמען מיט זיי פֿונאַנדערגעגראָבן דעם געפֿראָרענעם שניי, פֿאַרזוכט ווינטערדיקע קאָרנ־בלעטלעך און איז אַוועק. אין דאָרף איז געווען שטיל. די פֿייערן — אויס־געלאָשן. עס האָט זיך נאָר דורך די ווענט געהערט, ווי אַ קינד וויינט אין אַ כאַטע, און ווי דער פֿראָסט קנאַקט אין די קלעצער פֿון די ווענט. דער האָז איז אַוועק אין שייער און האָט דאָרט געפֿונען חברים. ער האָט מיט זיי געשפּילט אויפֿן ריינעם טאָק, פֿאַרזוכט אַ ביסל האָבער פֿון אַן אָנגעהויבענער קופּע. איבערן דאַך איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויף דעם היי־שפּייכלער, איז אַריבער דעם פּאַרקאַן און צוריק אַוועק צו זיך אין טאָל.

אויף מזרח האָט שוין געהעלט דער באַגינען, שטערן זיינען געוואָרן ווייניקער, און דער פּראָסטיקער נעפּל האָט זיך נאָך געדיכטער אויפֿגע־הויבן איבער דער ערד. אין דאָרף זיינען די ווייבער אויפֿגעשטאַנען און אַרויס נאָך וואַסער. די פּויערים האָבן געטראָגן פֿוטער פֿון די שייערן, קינדער האָבן געשריען און געוויינט. איבערן וועג זיינען נאָך מער פֿורן געפֿאָרן און די פּויערים האָבן העכער גערעדט.

דער האָז איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן וועג, געקומען צו זיין אַלטער נאָרע, האָט אויסגעזוכט ווו העכער איז, פֿונאַנדערגעגראַבלט דעם שניי, צריינגעזעצט זיך אין דער נייער נאָרע, אויסגעלייגט די אויערן איבערן רוקן און איז מיט אָפֿענע אויגן אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

מאָטל קונדס.

הייַנט איז פּורים — בין איך פריילעך —
זעט אַן אויסזען, קוקט אַ הֶלך!
אויפן קאָפּ טראָג איך אַ קאַסקע,
און דאָס פּנים — אין אַ מאַסקע.

זאָגט, ווער בין איך, אַדרבא, —
צי אַ זיידע, צי אַ באַבע?
אפשר בין איך אַלע ביידע:
אי אַ באַבע, אי אַ זיידע!

רופט מיך אָן מיט יעדן נאָמען —
מרדכי, אסתר, נאָר ניט הָמן.
רופט מיך קאָפּל, רופט מיך נאָטל,
גאָר ניט רופט מיך קונדס מאָטל.



פריליננ-וועסערלעך.

באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַראָפּ קייקלט זיך אַ וואַסערל דורך דעם צעגייענדיקן שניי.

קייקלט זיך און מורמלט: מור-מור-מור. שטאַרק פאַרטאָן, אין גרויס איילעניש.

שפּרינגט פון דער אַנדער זייט אַ צווייט וואַסערל, אויך איילנדיק, אויך מורמלענדיק. קייקלען זיי זיך איינס לעבן דעם אַנדערן.

— גאָט העלף, שוועסטער!

— אַדאַנק. גאָט העלף דיר אויך.

— גוט, שוועסטער? פריילעך, האַ?

— זייער גוט, זייער פריילעך.

— סוף-כל-סוף באַפרייט זיך פון דער קלעם ביי דעם פראָסט — כאַ-כאַ-כאַ! פיין! וואַרעם! די זון שיינט!

— יאָ, פיין, אַ מְחַיה.

— וווּהין איילסטו, שוועסטער?

— ווייט, טייערע מיינע, זייער ווייט, אין טייך אַריין. כ׳וויל זיין פון די ערשטע, די ערשטע דעם אייז ברעכן, אונדזערע שוועסטער באַפרייען פון דער קלעם. און וווּהין איילסטו?

— איך אויך צום טייך, די וועסערלעך וועקן פון פאַרגליווערטן אייז, צוזאַמען פלייצן אין דער ווייטער וועלט, אפשר צום גרויסן ים שווימען!

— טאָ לאָמיר צוזאַמען! ווילסט?

— צוזאַמען, יאָ. צוזאַמען איז פריילעכער, צוזאַמען זיינען מיר שטאַרקער.

און ביידע וועסערלעך האָבן זיך צונויפגעגאָסן. און ס׳איז געוואָרן אַ ריטשקע.



ווען דער טייך איז אַוועק.

דער אַייז אויפן טייך האָט געפּלאַצט. דאָס וואַסער איז אַרויס פון די ברעגעס. גרויסע אַייז-קריעס האָבן זיך געטראָגן מיטן שטראָם, איינע אָן די אַנדערע זיך אָנגעשטויסן, געבראָכן און געקנאַקט.

די גאַס אויפן נידעריקן ברעג איז שוין געלעגן אינגאַנצן אונטערן וואַסער. אַלע אַיינוווינער פון גאַס זיינען באַצייטנס אַוועק פון זייערע הייזער אין זיכערע ערטער. נאָר איין פרוי מיט אירע צוויי קליינע קינדער האָט ניט באַוויזן זיך צו ראַטעווען. זי איז געשטאַנען אין פענצטער פון איר הילצערן הייזל און האָט געשריען.

אַנטקעגן, אויפן הויכן ברעג טייך, זיינען געשטאַנען אַ פולע מענטשן. זיי האָבן געזען די פרוי, געהערט איר געשריי. נאָר העלפן איר האָבן זיי ניט געקענט. אַ שיפל איז גראָד געווען, נאָר קיינער האָט ניט געוואַגט לאָזן זיך שווימען איבער דעם שטורעמדיקן טייך דורך די שרעקלעכע קריעס. ס'איז געווען אַ גרויסע סכּנה.

דערווייל איז צוגעגאַנגען אַן אומבאַקאַנטער מענטש. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַרבעטער. ער האָט דערזען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זיך גלייך אַריינגעזעצט אין שיפל און געלאָזט זיך שווימען צו דער אומגליקלעכער פרוי.

עס איז ניט לייכט געווען גובר צו זיין דעם שטראָם, מלחמה צו האַלטן מיט דעם אַייז. אָבער דער מענטש איז געווען אַ שטאַרקער. ער איז צוגעשווומען צום הייזל און אַריינגענומען די פרוי מיט אירע קינדער אין שיפל.

דאָס שיפל איז אָפּגעשווומען קוים אַ צען מעטער פון דעם אָרט, ערשט אַ גרויסע קריע האָט דערלאַנגט אַ זעץ אין די ווענט פון שטיבל. די ווענט זיינען גלייך איינגעפאַלן. דאָס וואַסער האָט די צעפאַלענע קלעצער אַ טריב געטאָן מיטן שטראָם. פון שטיבל איז קיין סימן ניט געבליבן.

אָבער די פרוי מיט די קינדער זיינען שוין געווען אויסער געפאַר. דער אומבאַקאַנטער האָט זיי בשלום געבראַכט אויף דעם צווייטן ברעג.

דאָס גאָלדענע קייקעלע.

געווען אַמאָל אַ מיידעלע חנהלע.

ס'איז געווען פאַר פסח. אַלע קינדער האָבן שוין געהאַט נייע קליידעלעך מיט נייע שיכעלעך אויף יום-טוב. נאָר חנהלע האָט גאָרנישט געהאַט.

חנהלע האָט אַלץ געוואַרט אויף שיכעלעך און אַ קליי-דעלע, נאָר ס'איז שוין ערב-פסח אָנגעקומען, און קיין שיכעלעך און קיין קליידעלע איז נאָך אַלץ ניט געווען.

חנהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פריזבע. זי האָט זיך געשעמט ווייזן זיך פאַר די חברטעס.

חנהלע האָט זיך צעוויינט.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנ-גער ווייסער באָרד, מיט לאַנגע ווייסע ברעמען, און מיט אויגן ליכטיקע ווי שטערן. ער איז צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— מיידעלע, מיידעלע, וואָס וויינסטו?

— ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען! אַלע קינדער האָבן נייע שיכעלעך און קליידעלעך אויף יום-טוב און איך ניט.

— שאַ, מיידעלע, וויין ניט. נאַ דיר אַ שפּילעכל, אַ גאָלדן קייקעלע.

און דער אַלטער איז פאַרשוווּנדן.

חנהלע האָט געגומען באַטראַכטן דאָס קייקעלע, האָט זיך דאָס קייקעלע אַרויסגעגליטשט פון די הענט און אָנגע־הויבן קייקלען.

חנהלע האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך דעם קייקעלע.

דאָס קייקעלע קייקלט זיך באַרג אַרויף — חנהלע לויפט באַרג אַרויף. דאָס קייקעלע באַרג אַראָפּ — חנהלע באַרג אַראָפּ.

ביז דאָס קייקעלע האָט זיך פאַרקייקלט טיף־טיף אין וואַלד אַריין.

חנהלע איז שוין מיד. נאָר דאָס קייקעלע קייקלט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

מיט אַ מאָל האָט זיך באַוויזן אַ שטיבעלע. דאָס קייקע־לע האָט זיך אין שטיבעלע אַריינגעקייקלט. חנהלע איז נאָך דעם קייקעלע אין שטיבעלע אַריין. האָט זי אין שטיבעלע דערזען:

אַ גאָלדן בעטעלע, מיט רויטע זיידענע קישעלעך. דאָס קייקעלע האָט זיך אונטערן בעטעלע אַרונטערגעקייקלט און דאָרט געבליבן ליגן.

חנהלע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם גאָלדענעם בעטעלע און איז אַיינגעשלאָפן.

שלאָפט חנהלע אויפן בעטעלע, און אונטן — איר גאָלדן קייקעלע.

גאַנץ פרי האָט זיך חנהלע אויפגעכאַפּט. דערזעט זי אין שטיבל אַ קליין טירעלע. עפנט זי דאָס טירעלע און גייט אַריין אין אַ קליין שטיבעלע.

זעט זי אויף אַ טיש אַ גאָלדן קליידעלע, גאָלדענע שיכעלעך, זיידענע זעקעלעך און אַ רויט זיידן סטענגעלע.

חנהלע האָט אָנגעטאָן דאָס קליידעלע — פונקט נאָך איר מאָס. זי האָט אָנגעטאָן די שיכעלעך — אַקוראַט גוט. האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט.

איצט דאַרף מען גיין אַהיים.

איז זי צוגעגאַנגען צו איר קייקעלע און זאָגט:

קייקעלע, קייקעלע,
פיר מיך פון וועלדעלע
צו מיין מאַמען אין שטיבעלע.

— טור־טור־טור, — האָט דאָס קייקעלע זיך אָנגעהויבן קייקלען. חנהלע איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קייקעלע.

דאָס קייקעלע אַרויף באַרג — חנהלע אַרויף באַרג. דאָס קייקעלע אַראָפּ באַרג — חנהלע אַראָפּ באַרג. ביז זי האָט דערזען איר מאַמעס שטיבעלע.

איז זי אַ פריילעכע אַריינגעלאָפן אין שטיבעלע אַריין.



אונדזער קלאַס אין פרי-יאָר.

איר וואָלט נאָר אַ בליק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין אונדזער קלאַס! דאָ איז אַ וואַלד, און אַ טייך, און אַ גאָרטן — אַלץ וואָס איר ווילט!

אין כּלים מיט וואַסער שטייען בײַ אונדז צווײַגעלעך פון אַלערלײַ ביימער. וואָלט איר נאָר זען, ווי די קנאָספּן ווערן עס אויף די צווײַגעלעך אָנגעשוואָלן. אַנדערע קנאָספּן האָבן זיך שוין צעשפּאָלטן, און גרינינקע עקעלעך קריכן פון זיי אַרויס. — דאָס האָט איר אונדזער וואַלד!

נאָכדעם גייט דער טייך: אין גלעזערנע סלאָיעס שווימען בײַ אונדז אַרום קאָפּ-עקעלעך. מיר האָבן פון טייך געבראַכט רויגן פון פרעש. איצט זײַנען שוין פון די שוואַרצינקע פּינטעלעך געוואָרן לעבעדיקע באַשעפענישן. איר וואָלט נאָר זען, ווי זיי שווימען אַרום דרייענדיק מיט די עקעלעך!

און אין קעסטלעך מיט ערד האָבן מיר פאַרזייט בעבלעך און אַרבעס און ציבעלע — און דאָס אַלץ איז שוין אויפגעגאַנגען.

מיר האָבן באַשלאָסן אויסצוהאָדעווען אַזוי פיל פרעש, וויפיל קינדער עס זײַנען פאַראַן אין אונדזער קלאַס, און נאָכדעם צעטיילן זיך מיט זיי. איך האָב אָבער מורא, אַז ס'וועט זיך ניט אײַנגעבן. נו, וועלן מיר זען שפּעטער.

און די אַרבעס, און די בעבלעך, און די ציבעלע האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערצופלאַנצן אין אונדזער שול-גאָרטן.

וואָרעם מיר האָבן אַ שול-גאָרטן אויך. און אונדזער קלאַס וועט אַליין באַאַרבעטן גאַנצע דרײַ בייטן!

און אַז אַלץ וועט אויסוואַקסן, צום סוף זומער, וועלן מיר מאַכן אַ סעודה פון אונדזערע אייגענע גרינסן.

דאָס ליד פון פראָש.

געוועזן אַ פראָש אין אַ גרין-סאַמעט קלייד,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.
מיט אַ שירצל אַ ווייסן פון פאָרנט פאַרשפּרייט,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.

זיין קאַמער געפּלאַסטערט פון לויטער אַיר,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.
פון שטראַלן די פענצטער, פון וואַסער די טיר,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.

האָט געפינטלט דער פראָש מיט אייגעלעך שמאָל,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.
ווער האָט אַזאַ מאַנטל און ווער — אַזאַ קול? —
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.

פון ברעג אינעם טייך און פון טייך אויפן ברעג, —
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, —
אַ זונג און אַ שפּרונג, אַזוי גייען די טעג —
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.

ביז געקומען אַ בושל אַ הויכער צו גיין,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק,
די פיס — ווי די שפּענער, דער שנאָבל — ווי שטיין,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.

גענומען דעם פראָש מיטן גרין-סאַמעט קלייד,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, —
און די קינדערלעך זיינע אַ סעודה געגרייט,
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-קוואַק.

די בינען אין אָנהייב פרילינג.

ס'איז אָנגעקומען פרילינג. פון דער זון איז דער שניי אויף די פעלדער געוואָרן צעשמאָלצן. צווישן די פאַראַיאָריקע גרעזער האָבן זיך גענומען באַווייזן פרישע גרינע גרעזעלעך. אויף דיביימער האָבן זיך געעפנט די קנאָספּן, און ס'זיינען אַרויס פון זיי די יונגע בלעטעלעך. די בין האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר ווינטערשלאָף, האָט אויסגעריבן די אייגלעך מיט די האָריקע לאַפּקעס און אויפגעוועקט אירע חברטעס.

זיי האָבן אַרויסגעקוקט אין דרויסן, צי איז שוין דער שניי צעגאַנגען, צי איז שוין דער קאַלטער ווינטער פאַרשווונדן. און די בינען האָבן דערזען, אַז די זון שיינט העל, אַז אומעטום איז ליכטיק און וואַרעם. זיינען זיי אַרויס פון בינשטאָק און אַוועקגעפלויגן צום עפּלבוים.

— האָסטו אפשר, עפּלביימעלע, עפּעס־וואָס פאַר אונדז? מיר זיינען פאַרחלשטע, פאַרשמאַכטע פון הונגער.

— ניין, בינעלעך, איר זייט צו פרי געקומען, מיינע בלומען זיינען נאָך באַהאַלטן אין די קנאָספּן, — האָט דער עפּלבוים געענטפערט, — פרעגט זיך נאָך ביים קאַרשנבוים, אפשר האָט ער עפּעס פאַר אייך.

זיינען די בינען אַוועקגעפלויגן צום קאַרשנבוים:

— טייערער קאַרשנבוים, האָסטו אפשר עפּעס־וואָס פאַר אונדז, הונגעריקע בינען?

— קומט מאָרגן, ליבינקע, — האָט דער קאַרשנבוים געענטפערט, — היינט איז נאָך אויף מיר קיין איין בלימל ניטאָ. אפשר וועלן זיי זיך מאָרגן פונאַנדערלאָזן, וועל איך אייך מיט פאַרגעניגן געבן.

די פאַרשמאַכטע בינען האָבן שוין געוואַלט אומקערן זיך אַהיים מיט גאָרנישט. נאָר פּלוצלונג האָבן זיי אונטער אַ קוסט דערזען אַ קליין בלאָ בלימעלע, דאָס איז געווען אַ פיילכנדל.

און דאָס פיילכנדל האָט געעפנט פאַר די בינען איר בעכערל, וואָס איז פול געווען מיט זיסן שמעקעדיקן זאַפט. די הונגעריקע בינען האָבן זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען און זיינען אוועקגעפלויגן אַהיים זאַטע און פריילעכע.

די בין.

פון איר קליינעם קעמערל
זשומענדיק אַ זמרל
קומט אַרויס די גאָלדענע
רירעוודיקע בין.

זעט זי, ווו אַ בייטעלע
שפּירט זי, ווו אַ קווייטעלע, —
שפּרייטנדיק די פליגעלעך
לאָזט זיך זי אַהין.

זוכנדיק און שמעקנדיק,
פּרוּוונדיק און לעקנדיק
אונטער יעדן גרעזעלע,
אונטער יעדן בלאַט, —

נעמט זי נאָר, וואָס וויכטיק איז,
ריכטיק זיס און ציכטיק איז,
קלייבט זי נאָר, וואָס נוצלעך איז,
מיידט זי אויס, וואָס ס'שאַדט.

די אַרבעט האָט פאַרמאַטערט זי,
פריילעך אָבער פלאַטערט זי
מיט איר גרויסן אוצרל
אין איר קליינעם הויז.

ווען זי האָט געפונען שוין,
וואָס זי דאַרף, אין זונענשיין,
אַרבעט זי אין פינסטערניש
זיסן האָניק אויס.

די קערנער, וואָס האָבן
ניט געוואָלט וואַקסן.

דער פּויער האָט זיך געמיט איבער זיין פעלד, געמיסטיקט, געאַקערט, געבראָנעוועט, געזייט און ווידער געבראָנעוועט, נאָר די קערנדלעך האָבן זיך פאַרגראָבן אין דער ווייכער ערד ווי אין אַ פּוכענער פּערינקע און ניט געוואָלט וואַקסן.

דער פּויער איז אַלע פרימאָרגן געקומען זען, צי די קערנדלעך וואַקסן. אָבער דאָס פעלד איז גראָ, נאַקעט, קיין בלעטעלע גרינט ניט. איז דער פּויער געוועזן שטאַרק צעטראָגן:

— וואָס וועט עס זיין, די קערנער וואַקסן ניט, ס'וועט ניט זיין קיין ברויט פאַר די קינדער!

האָט עס דער זון אויך פאַרדראָסן: טאַקע, וואָס עפּעס איז דאָס פעלד נאַקעט? פאַרוואָס זאָל עס טאַקע פאַר די קינדער קיין ברויט ניט זיין?

האָט די זון אָנגעקלאַפּט צו די קערנער אין די קעמערלעך:

— היי, פוילאַקעס! וואָס שלאָפט איר דאָרט? פאַרוואָס וואַקסט איר ניט?

די קערנדלעך האָבן געענטפערט:

— מיר ווילן ניט וואַקסן. דאָ איז אונדז גוט, ווייך, וואַרעם. אויבן אויף דער ערד וועט אונדז שמייסן דער ווינט, בייסן די קעלט, ברענען די היץ. און נאָכדעם וועלן אונדז מענטשן אָפּשניידן, און שלאָגן מיט דרעשערס, און מאָלן צווישן שטיינער. ניין, מיר ווילן ניט וואַקסן.

פרעגט די זון:

— ווי־זשע? זאָל דאָס פעלד אַ גאַנץ זומער בלייבן נאַ־קעט? גראָ? זאָל פאַר די קינדער קיין ברויט ניט זיין? דאָס איז עפּעס אַ תּכלית, וואָס?

— טאַקע ניט גוט, — ענטפערן די קערנדלעך, — אָבער וואָס זיינען מיר שולדיק? יעדער זוכט, וואָס עס איז פאַר אים בעסער.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך די זון צעפלאַמט, — יעדער זוכט נאָר, וואָס פאַר אים איז בעסער? טראַכט איר נאָר וועגן זיך. און פאַר דער שיינקייט פונעם זומער אַרט אייך ניט? און אויף די קינדער איז אייך גאָר קיין רחמנות ניט? טאָ וואַרט־זשע אַקאָרשט, איך וועל אייך ווייזן!

און די זון האָט אַרויסגעלאָזט אַ גאַרב זודיקע שטראַלן. אַזעלכע לאַנגע גאָלדענע, כוואָשטשעדיקע, ווי לאָזענע רי־טער, שטראַלן, און האָט גענומען שמייסן מיט זיי די קערנדלעך:

— וואַקסט, פּוילאַקעס! וואַקסט! וואַקסט! צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט — וואַקסט! זאָלן די זומערדיקע פעלדער זיין שיינע און גרינע, זאָלן דעם פּויערס קינדער זיין זאַטע! וואַקסט!

די קערנער האָבן געצומען שרייען:

— אוי, זונעלע, מירן שוין וואַקסן, שמייס ניט אַזוי, ברען ניט אַזוי, באַק ניט אַזוי!

און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן וואַקסן געשווינט, ווי אויף הויוון.

און אין איין וואָך זיינען זיי שוין אויסגעוואַקסן ביז די קני. און נאָך אין אַ וואָך ביזן גאַרטל, און נאָך אין אַ וואָך האָבן זיך אין זיי דעם פּויערס קינדער ביז איבערן קאָפּ באַהאַלטן.

אָט אַזוי־אָ זיינען זיי עס געוואַקסן.



דאָס ביימעלע.

אויפן גרינעם בערגעלע
וואַקסט אַ יונג ביימעלע,
וויל דאָס ביימעלע ניט שלאָפן,
די לבנה טוט עס שטראָפן:

— „צייט צו דרעמלען, ביימעלע,
אויפן גרינעם בערגעלע!"
אַזוי זאָגן אויך די שטערן.
נאָר דאָס ביימל וויל נישט הערן,

וויל נישט צומאַכן די אויגן.
איז אַ ווינטל צוגעפלויגן:
— „ביימל, ביימל! רויִק זײַן!"
און שאָקלט עס, און וויגט עס אײַן.

וויגט אַהער, און וויגט אַהין —
מוז אײַנשלאָפן ביימל גרין.
דרעמלט אײַן דאָס ביימעלע
אויפן גרינעם בערגעלע.

אונדזער שול־גאָרטן.

מיר האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אונדזער שול־גאָרטן.

דריי בייטן וועט אונדזער קלאַס האָבן. קיין בייטן זיינען נאָך ניטאָ, אָבער באָדן האָבן מיר אויף דריי גרויסע לאַנגע בייטן.

היינט האָבן מיר דעם באָדן אַליין צעגראָבן. יעדער האָט מיט זיך פונדערהיים געבראַכט אַ גראָב־אייזן און האָט געגראָבן.

וואָס וועלן מיר פאַרזעצן, איז נאָך ניט באַשטימט, נאָר זיכער, אַז מיר וועלן אַלע פלאַנצן, וואָס מיר האָבן אין קלאַס אין טעפלעך, אַריבער־זעצן אויף די בייטן. אָבער דאָס וועט פאַרנעמען ווייניק אָרט.

איך האָב פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אויך דאָס לאָזענע צווייגל, וואָס שטייט ביי אונדז אין אַ קרוג מיט וואַסער, איינפלאַנצן אויף אונדזערע בייטן. מע וועט די פראַגע מאָרגן באַטראַכטן. אויב מען וועט פאַרפלאַנצן דאָס צווייגל און ס'וועט זיך צונעמען, וועלן מיר שוין האָבן אַן אייגענעם בוים. אָט דאָס וואָלט געווען גוט!

נו, מירן שוין מאָרגן וועגן דעם ריידן. דערווייל דאַרף איך גיין קריגן באָב. וואָרעם באָב וועלן מיר פאַרזעצן גאָר אַ פולע.

באָב זיינען געשמאַק.



ר ע ג ן.

קינדערלעך, אוי, קינדערלעך!
אַ רעגנדל גאָר וווּנדערלעך,
שמעקעדיקע טראָפּעלעך!
אַ רעגנדל איז גאָטס גענאָד,
קומט אַרויס און טאַנצט אַ ראָד
מיט בלויזע פּיס און קעפּעלעך!

גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען.
נאַקטע קעפּלעך, נאַקטע פּיס —
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז,
ביזן הימל צו דערלאַנגען.



דונער און בליץ.

ווען זומער איז געוואָרן, האָט מען אויפן הימל ניט געוווסט, וועמען זאָל מען שיקן צו די מענטשן אָנזאָגן, אַז ס׳איז שוין נאָך ווינטער. האָט מען געפרעגט:

— ווער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד מיט דער בשורה?

האָט זיך דער דונער אָפּגערופן:

— איך, דונעררר, נידעררר אַררראָפּ מיט בליץ מיין בררררודעררר...

האָט מען זיי געשיקט.

בליץ האָט געטאָן אַ פלי פון עק הימל ביז עק ערד, אַ שפּרונג — אַריבער ימים, אַריבער בערג — און ניטאָ, פאַרשוווּנדן.

דער דונער האָט זיך נאָך אים גענומען יאָגן, און דעריאָגן ניט געקענט; געזוכט, און געפינען ניט געקענט. האָט ער אַ דערשראָקענער געשריען:

— בררררודער! ווּ ביסטו, בררררודעררר!

און אַלע בערג און אַלע וועלדער האָבן אים געהאָלפן רופן און געהילכט:

— ברר-דררר! ברררר-דררר!

מ אַ י.

אינעם פרישן גרינעם מאַי
איינס-צוויי! איינס-צוויי!
מיר מאַרשירן טריט ביי טריט!
די קעפּ אַרויף די בליקן פעסט!
און די ברוסט אַרויסגעפּרעסט!
מיר פאָרכטן זיך פאַר קיינעם ניט!

דעם רעכטן פוס, דעם לינקן פוס,
ווער באַגעגנט — מיידן מוז!
פעסטע ברייטע טריט געשטעלט!
און געעטעמט טיף און פריי
אינעם פרישן גרינעם מאַי,
אונדזער איז די פרייע וועלט!

גרינס אויף שבועות.

דער טאַטע איז אַוועק מיט אַ גאַנצן אוצר שאַכטלען.

— קינדער, אַנו, טרעפט, וואָס וועט דער טאַטע היינט ברענגען אַ מתנה פון מאַרק?

אַזוי זאָגט אַווּרעמל, און די קינדער הייבן אָן טרעפן, וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מתנה פון מאַרק. זיי רעכענען אויס אויף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס'איז דאָ אין מאַרק: בולקעלעך, און בייגעלעך, און צוקערקעס. און קיינער האָט ניט געטראָפן. דער טאַטע האָט געבראַכט צו טראָגן נישט קיין בולקעלעך, נישט קיין בייגעלעך, נישט קיין צוקערקעס. גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן.

אַ פּאַק מיט גראָז, מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקעדיקע גראָזן!

און אַברעמל, משהלע און דבורהלע האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאָטער.

— טאַטע, וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יום־טוב. יידן דאַרפן יום־טוב גרינס.

— ווו נעמט מען דאָס, טאַטע?

— ווו נעמט מען דאָס? המם... אין מאַרק קויפט מען דאָס. אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפט דאָס גרינע שמעקעדיקע גראָז איבער דער שטוב, און ע' קווועלט, וואָס ס'איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמען פריילעך:

— פּעסי, אַ גוט יום־טוב דיר!

און די דריי שיינע קעפּלעך, אַברעמל, משהלע און דבורהלע, טוען זיך אַ וואָרף אויף דער ערד און פאַלן צו מיטן פּנים צום שמעקעדיקן גראָז, וואָס מע רופט דאָס גרינס, און וואָט יידן דאַרפן דאָס אויף יום־טוב, און וואָס מען קויפט דאָס אין מאַרק.

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפילו גרינס, אַלצדינג קויפט דער טאַטע, אַפילו גרינס! אַפילו גרינס!

זומער.

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
וווּ ס'איז אונדזער וווינונג,
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין.
שיינע בּחורים נעמען מיר,
מיאוסע לאָזן מיר גיין.



צו גאַסט ביי דער זון.

אַמאָל איז געווען אַן אַלטער מיט אַן אַלטינקער. זיי האָבן געהאַט אַ בת-יחידה, און האָבן איר חתונה געמאַכט מיט דער זון. איינמאָל איז דער אַלטער אַוועק צו דעם איידים אין געסט. זאָגט דער איידים צו זיין ווייבל:

— מיט וואָס זאָלן מיר מכבד זיין דעם גאַסט? ווייסט וואָס, באַק פאַר אים גאָר אויס אַ פאַנקוכן.

דאָס ווייבל האָט צעשלאָגן אַ פּאָר אייער, און די זון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און זאָגט:

— איצט גיס אויס דעם פאַנקוכן מיר אויפן קאָפּ.

דאָס ווייבל האָט דעם פאַנקוכן אויסגעגאָסן דעם מאַן אויפן קאָפּ, און דער פאַנקוכן האָט זיך זייער גוט אָפּגעבאַקט.

דעם אַלטן איז די זאַך געפעלן געוואָרן.

קומט ער אַהיים און זאָגט צו דער אַלטער:

— הערסטו, אַלטע, איך וויל אַ פאַנקוכן, צעשלאָג עטלעכע אייער.

די אַלטע האָט צעשלאָגן און גענומען זיך פונאַנדער-לייגן אַ פייער אויפן פּריפּעטשיק. זאָגט דער אַלטער:

— וואַרט, ס'איז ניט נייטיק.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און הייסט דער אַלטער:

— גיס אויס מיר אויפֿן קאָפּ.

די אַלטע האָט אויסגעגאָסן אים אויפֿן קאָפּ, און די אייער זיינען אים אַראָפּגערונען איבער די אויגן און די אויערן און איבערן באָרד. און קיין פֿאַנקוכן האָט זיך ניט אָפּגעבאַקט. נאָר אַ גאַנצן טאָג האָט דער אַלטער זיך גע־וואַשן אין באָד, ביז ער האָט זיך אָפּגעוואַשן.

—

מאָטל דעם חזנס דערציילט, ווי ער כאַפּט פֿיש.

איך בין פֿריי. אַ גאַנצן טאָג געפֿין איך מיך ביים טייך — אָדער איך כאַפּ פֿיש, אָדער איך באָד מיך. כאַפּן פֿיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַליין. אַז איר ווילט, קאָן איך אייך אויך אויסלערנען.

מען טוט אויס דאָס העמד, און מען פֿאַרקניפּט דעם אַרבל און מען גייט פּאַוואָלי ביזן האַלדז אין וואַסער. מען דאַרף גיין לאַנג־לאַנג. אַז איר פֿילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס׳איז פֿול. גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פֿאַרפּלאָנטערט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלעך, וואַרפֿט זיי אַריין צוריק אין וואַסער אַריין. ס׳אַ צער בעלי־חיים. אין דער געדיכטער בלאָטע קאָנט איר געפֿינען אַמאָל אַ פּיאַווקע. פּיאַווקעס איז געלט. פֿאַר אַ צענדליק פּיאַווקעס קאָנט איר באַקומען דריי גראָשן. דאָס גייט נישט צו פּוס. קיין פֿיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל איז געווען פֿיש אויך, היינט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט

נאָך קיין פיש. איך בין צופרידן, עס זאָל כאָטש זיין פּיאַווקעס. ניט אַלע מאָל איז דאָ פּיאַווקעס. היינטיקן זומער איז ניט געווען איין פּיאַווקע!

פונוואַנען האָט זיך דערוווּסט מיין ברודער אליהו, אַז איך כאַפּ פיש — ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיר ניט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש. אַ גליק, וואָס פּעסי די גראָבע, אונדזער שכנה, האָט דערזען. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט איינשטעלן פאַר איר קינד:

— אַט אַזוי שלאָגט מען אַ יתום?

מיין ברודער אליהו האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזן דעם אויער.

דער קליינער טייך.

דער קליינער טייך, דער קליינער טייך,
דער שומר פון אַ קיבּיגרייך:

ביי טאָג דער וואַלד, ווי אַלט און גרויס,
קומט וויגן זיך ביי אים אין שויס.

ביי נאַכט — דער גאַנצער שטערן־וועג
קומט רוען אויף זיין דעק...

דאָס גאָלדענע הענדעלע.

מאָטעלען האָט מען אויפגעבייט אַ ביי מאַנטעלע, האָט ער עס אָנגעטאָן, אַרייַנגעשטעקט די הענטעלעך אין די קעשענעס און איידער די מאַמע האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער שוין געווען אין דרויסן.

אַז ער האָט קעשענעס, דאַרף ער דאָך עפּעס אַרייַנלייגן אין זיי. איז ער געגאַנגען און אויפגעקליבן פון דער ערד, וואָס עס האָט זיך געמאַכט; בלאָטיקע שטיינדלעך, שטיקלעך ציגאַר, קעסטלעך פון פּאַפּיראָסן און אַנדערע גוטע זאַכן, ביז די קעשענעס זיינען פול געוואָרן. איז ער אַרומגעגאַנגען אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס און זיך אָפּגעשטעלט ביי די פענצטער פון די קלייטן.

אָנגעקוקט זיך צו זאַט, און געגאַנגען ווייטער. איז ער געקומען צו אַ ברייטער גאַס. דאָרט האָט ער דערזען שטיין אַ יידן מיט אַ סך גאָלדענע הענדעלעך, וואָס טאַנצן. האָבן זייבע אויגן אויפגעשטראַלט.

וועגן די גאָלדענע הענדעלעך האָט אים שוין דערציילט זיין חבר דויד. יענער האָט זיי אַליין געזען, אַפילו געהאַלטן אין האַנט, און מאָטעלע האָט אים אַזוי מקנא געווען.

איצט זעט ער זיי אויך.

האָט זיך מאָטעלע דערפילט זייער געהויבן און איז צו־געגאַנגען נעענטער, אפשר וועט אים דער ייד פון די הענדע־לעך אויך לאָזן נעמען אַ הענדל אין די הענט.

מאָטל האָט אָנגערירט אַ הענדעלע מיטן קליינעם פינ־גערל, און דער ייד האָט אים געלאָזן. האָט ער שוין דאָס הענדעלע גענומען אין האַנט, אַ צי געטאָן פאַר דער ספּרונ־זשינקע, און דאָס הענדל האָט אָנגעהויבן טאַנצן.

מאָטעלע האָט זיך פריידיק פונאַנדערגעלאַכט. האָט דער ייד צו אים געזאָגט:

— קויף עס, ייִנגעלע! ס'קאָסט ניט טייער.

— וויפיל? — האָט מאָטעלע געפרעגט.

— צען סענט!

— ווייסטו וואָס, — זאָגט מאָטעלע, — גיב מיר אַ הענ־דעלע, און איך וועל זאָגן דער מאַמען, וועט זי דיר געבן די צען סענט.

האָט דער ייד ניט געוואָלט. זאָגט מאָטעלע:

— נאַ דיר מיין ביי מאַנטעלע, און גיב מיר דאָס הענדעלע.

האָט דער ייד מיט מאָטעלען אַזוי אָפּגעמאַכט: ער וועט מאָטעלען געבן אַ הענדל, און מאָטעלע וועט ביי אים איבער־לאָזן זיין מאַנטעלע; שפּעטער זאָל קומען מאָטעלעס מאַמע, ברענגען די צען סענט פאַרן הענדל, וועט זי צוריק באַקו־מען דאָס מאַנטעלע.

מאָטעלע האָט אָפּגעגעבן זיין מאַנטל, געכאַפּט דאָס הענדל און איז אַוועקגעלאָפן. אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג און אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ ווינקעלע, געצויגן די ספּרונזשינקע און נחת געקליבן, ווי דאָס הענדעלע טאַנצט.

אָנגעשפּילט און דערמאָנט זיך, אַז מען דאַרף ווייזן דער מאַמען, סאַר אַ טייערע זאַך ער האָט איינגעהאַנדלט. נאָר ווי צו גיין אַהיים האָט ער ניט געוווסט. איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פּרעמדער מאַמען און געבעטן, זי זאָל אים אָפּפירן אַהיים.

— ווו איז דיין היים?

— לעבן קראָם.

— וועלכע קראָם?

— ווו מיין מאַמע קויפט.

האָט די פּרעמדע מאַמע אַ שמייכל געטאָן און געפּרעגט:

— ווי זעט אויס דער קרעמער?

— ער האָט אַ רויטע באָרד.

האָט שוין די פּרעמדע מאַמע געוווסט, ווו מאָטעלע וווינט, און זי האָט אים אַוועקגעפירט אַהיים. אָן דעם מאַנטל, אַן אויסגעשמירטער, אָבער מיטן הענדל אין האַנט האָט זיך מאָטעלע אַריינגעלאָזט אין שטוב.

— וויי איז מיר! — האָט די מאַמע אויסגעשריען, ווען זי האָט דערזען איר זון. — ווו האָסטו אַהינגעטאָן דאָס מאַנטעלע, שיינער זון מיינער? זע נאָר אַ פּנים!

— מאַמע! זע: אַ הענדעלע, וואָס טאַנצט! — האָט מאָטעלע דערציילט זיין פרייד.

— אָבער איך פרעג דאָך דיר, ווו איז דאָס מאַנטעלע, — האָט זיך די מאַמע געערגערט.

— איך וויל ניט דאָס מאַנטעלע, איך וויל דאָס הענדעלע! זעסט: פון אמתן גאָלד!

די מאַמע איז אַרויס פון געדולד און גענומען בייזערן זיך. האָט זיך מאָטעלע דערשראָקן און פונאַנדערגעוויינט:

— דאָס מאַנטעלע איז ביים יידן.

— ביי וואָסער יידן?

— וואָס פאַרקויפט די הענדעלעך.

— ווו פאַרקויפט ער?

— אין גאַס.

— אין וואָסער גאַס?

— איך ווייס ניט.

האָט די מאַמע דערזען, אַז זי קאָן קיין טאָלק ניט דער־גיין, האָט זי גערופן דעם טאַטן. האָט זיך דער טאַטע אויך געבייזערט און געשריען און מאָטעלע האָט געוויינט.

און אַז טאַטע־מאַמע האָבן אים געלאָזן, האָט ער זיך מיט זיין הענדל פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, געצויגן די ספרונזשינקעלע, און דאָס הענדל האָט געטאַנצט. און מאָטע־לע האָט געלאַכט מיט פאַרוויינטע אייגלעך און געפרייט זיך מיט דעם געשעפט, וואָס ער האָט געמאַכט.

גאַנטע קאָזאַק.

ווער גייט עס ווי אַ בלינדער
און פרעגט ביינאַכט אויף קינדער,
וואָס וויינען אין די וויגן
און ווילן שטיל ניט ליגן?
דאָס איז דאָך גאַנטע קאָזאַק,
וואָס בלאָזט זיך ווי אַ בלאָז-זאַק,
און גייט אין רויטע הויזן,
און טראָגט אַ האַק אַ בלויזן.
ער האָט צוויי הויקער-פלייצעס,
און עסט אויף צוועלף המוציאס,
און טרינקט פון דרייצן גלעזער,
און האָט דריי לאַנגע נעזער,
צוויי הענט צו זיבן פינגער,
דריי קעפּ מיט זיבן צינגער,
זעקס וואָנצעס לאַנג און שפּיציק,
צוועלף אויגן רויט און בליציק,
צוויי פיס צו דרייסיק איילן,
און וווינט אין טיפע היילן.
און ווי עס קומט ביינאַכט נאָר,
איז מיר און לאַד פאַרמאַכט נאָר,
דאַן נעמט ער האַק און מעסער
און שאַרפט זיי גוט און בעסער,
פאַרוואַרפט זיי אויף די פלייצעס,
שפּאַנט אַיין דריי וועלף אָן לייצעס,
פאָרויס — צוויי גראָבע דייטשן,
צוויי שלאַנגען — פאַר צוויי בייטשן,
צוויי בערן פון די זייטן,
און לאָזט פון וואַלד זיך רייטן.
און ווי ער קומט צום שטעטל,
נעמט ער אַרויס אַ צעטל
און לייענט, ווי אַ בלינדער,
די נעמען פון די קינדער,
וואָס וויינען אין די וויגן
און ווילן שטיל ניט ליגן.
דאַן עפנט ער די טאָרבע
און גיט פון פלאַש אַ שאָרבע,
און לאָזט זיך גיין געבויגן
מיט זוכנדיקע אויגן;
בלייבט שטיין ביי יעדן טויער,
און טוליעט צו אַן אויער,
און קלאַפּט אָן ווי אַ בלינדער:
„דאָ וווינען קליינע קינדער?
דאָס בין איך, גאַנטע קאָזאַק,
איך בלאָז זיך ווי אַ בלאָז-זאַק,
און גיי אין רויטע הויזן,
און טראָג אַ האַק אַ בלויזן,
און האָב צוויי הויקער-פלייצעס,
און עס אויף צוועלף המוציאס,

און טרינק פון דרייצן גלעזער
און האָב דריי לאַנגע נעזער,
צוויי הענט צו זיבן פינגער,
דריי קעפּ מיט זיבן צינגער,
זעקס וואָנצעס לאַנג און שפּיציק,
צוועלף אויגן שאַרף און בליציק,
צוויי פיס צו דרייסיק איילן,
און וווין אין טיפע היילן,
און בורטשע ווי דריי בערן.
דאָס קום איך ווײנען הערן
די קינדער אין די וויגן,
וואָס ווילן שטיל ניט ליגן".

און ווי נאָר קינדער הערן
אַ בורטשען פון דריי בערן —
איז נעמען זיי זיך שרעקן,
און איבער קאָפּ פאַרדעקן,
און בלייבן שווייגן אַלע,
און בעטן ניט קיין חלה,
און ווילן ניט קיין פּייער,
און ווערן ליב און טייער.
איז נעמט זיך גאַנצע קאָזאַק,
וואָס בלאָזט זיך ווי אַ בלאָז=זאַק,
און לאָזט זיך ווי אַ בלינדער,
צו זוכן אַנדערע קינדער.

נאָר טאָמער ווײנען אַלע,
און בעטן דווקא חלה,
און ווילן דווקא פּייער,
און ווײנען גרויסע שרייער, —
דאַן ווערט ער שטאַרק אין כּעס,
און בילט און מאַכט העוויות,
און גיט אַ רוף דריי שדים,
און מאַכט אַ לאַך אין בוידים,
און כאַפּט די שלעכטע קינדער,
און טראָגט זיי ווי אַ בלינדער,
און ברענגט זיי אין די היילן,
און הייסט זיי בולבעס שיילן.
דאַן קאָכט ער אויף אַ קעסל,
טרינקט בראַנפן פון אַ פעסל,
און נעמט די מעסער שאַרפן,
און הייבט אָן גורל וואַרפן,
פאַרשפּאַרט די טיפע היילן
און וויל זיי אַלע קיילן.
און ווי די קינדער זעען,
וואָס דאָ וועט באַלד געשעען,
וואָס ס'וועט פון זיי באַלד ווערן, —
פאַרגיסן זיי פיל טרערן,
און הייבן אָן אים גלעטן,
און האַרצעדיק צו בעטן:
„דו גוטער גאַנצע קאָזאַק,
וואָס בלאָזט זיך, ווי אַ בלאָז=זאַק,
דו האָסט דאָך רויטע הויזן,
און טראָגסט אַ שווערד אַ בלויזן,
דו האָסט צוויי שיינע פּלייצעס
און עסט אויף צוועלף המוציאס,

און טרינקסט פון דרייצן גלעזער,
און האָסט דריי לאַנגע נעזער,
צוויי הענט צו זיבן פינגער,
דריי קעפּ מיט זיבן צינגער,
זעקס וואָנצעס לאַנג און שפּיציק,
צוועלף אויגן רויט און בליציק,
צוויי פּיס צו דרייסיק איילן —
צי דאַרפסטו דען אונדז קיילן?
מיר זיינען גוטע קינדער,
און דו ביסט ווי אַ בלינדער.
מיר וועלן מיט דיר לעבן,
און העמדעלעך דיר וועבן,
און קישעלעך דיר נייען,
און בלימעלעך דיר זייען;
מיר וועלן מער ניט וויינען,
און מעשהלעך דיר ליינען,
און עסן דיר דערלאַנגען,
און וויגן מיט געזאַנגען".
דערהערט עס גאָנטע קאָזאַק,

בלאָזט אָן זיך ווי אַ בלאָז-זאַק,
און ווערט אַזאַ מין גוטער,
און גיט זיי ברויט מיט פּוטער,
און גלעט זיי אויף די קעפּלעך,
און הייסט זיי קאָכן קרעפּלעך,
און הייסט די בעט אויסבעטן,
און הערט ניט אויף זיי גלעטן.
נו, קאָכן זיי אים קרעפּלעך,
און וואַשן אים די טעפּלעך
און בעטן אים די בעטן,
און וויגן אים און גלעטן,
און ווי ער ווערט אַנטשלאָפן —
גענומען און אַנטלאָפן.
געלאָפן איבער וועלדער,
געלאָפן איבער פעלדער,
געשווומען איבער ימען,
געקומען צו דער מאַמען,
פון גאָנטען ניט געטראַכט מער,
און ניט געוויינט ביינאַכט מער.

מײַן קעצעלע.

איך האָב געהאַט אַ קעצעלע,
אַ קעצעלע אַ װײַס,
מיט אױערלעך צװײ שפּיציקע
צו שפּירן נאָך די מײַז;

מיט אײגעלעך צװײ געלינקע,
װי אמתער בורשטין,
װאָס פֿלעגן אָפּט זיך אָנצינדן
און פֿינקלען גאָלדיק=גרין.

איר קלײנע װײַסע פֿעלכעלע
געהאַט האָט צאַרטע האָר,
װאָס זי פֿלעגט תּמיד רײניקן
און האַלטן תּמיד קלאָר.

און טאָמער פֿלעגט אַ טראָפּעלע
אַרױפֿפֿאַלן אױף איר,
דאַן פֿלעגט זי נעמען פּוצן זיך
און װאַשן אָן אַ שיר.

דאָס קלײנע װײַסע קעצעלע
געװען איז זײער קלוג:
זי האָט געװוּסט דאָס װינקעלע,
װוּ ס'שטײט פֿון מילך דער קרוג;

און װוּ דאָס טעפּל פּוטער איז,
פֿון שפּײַז=אַלמער דעם פּלאַץ —
(אַ גרױסע, גרױסע נאַשערקע
געװען איז מײַן קאַץ).

זי פֿלעגט זיך שטיל פֿאַרגנבענען,
בשעת איך פֿלעג נישט זען,
און אױפֿנאַשן אין שפּײַז=אַלמער
דאָרט אַלץ, װאָס איז געװען.

און װען איך פֿלעג צוריקקומען,
דאַן פֿלעגט זי זיצן שטיל
און װאַשן זיך די װאָנציקעס
און מורקען מיט געפֿיל.

נאָר אײנמאָל איז געשען מיט איר
אַ מעשה גאָר אַ שרעק:
אױף יאַגד נאָך קלײנע פֿײגעלעך
איז זי אין הױף אַװעק;

פֿון הױף אין פֿעלד און יאָגנדיק
די פֿײגעלעך צום װאַלד, —
אַן אָדלער מיט אַן אָדלערטע
באַגעגנט האָט זי באַלד.

אומזיסט האָט זי געבעטן זיך,
געמיאַוקעט און געװײנט, —
די בײזע אָדלער האָבן נישט
איר פֿעלכעלע געשױנט;

צעריסן עס אױף שטיקעלעך,
געלאָזן נאָר דעם עק,
אים האָב איך נאָכדעם ליגנדיק
געפֿונען אױפֿן װעג.

אַנדערס נייַ היטעלע.

אַמאָל איז געווען אַ קליין ייִנגעלע, אַנדערס האָט מען אים גערופֿן. האָט ער געהאַט אַ נייַ היטעלע.

בייַ קיינעם איז ניט געווען אַזאַ שיין היטעלע: האָט דאָס דאָך אויסגעאַר־בעט אַנדערס מאַמע מיט אירע אייגענע הענט, און ווער קאָן עס מאַכן בעסער פֿאַר דער מאַמען?

געווען איז דאָס היטעלע אינגאַנצן אַ רויטס, דאָס דעניקל אָבער — אַ גרינס: ניט געווען קיין רויטע וואָל מער. און דאָס קוטאַסל איז געווען אַ בלוים.

די ברידערלעך און שוועסטערלעך זייַנען נאָכגעלאָפֿן אַנדערסן און אָנגע־קוואָלן פֿון זייַן היטעלע.

און אַנדערס, אַרייַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, גייט ער זיך אַרום און פֿון גאַנצן האַרצן באַדויערט ער יעדערן, וואָס פֿאַרמאָגט ניט אַזאַ היטעלע.

גייט אַנדערס אַמאָל אַוועק אויפֿן שפּאַציר.

דער ערשטער, וועמען ער האָט באַגעגנט, איז געווען אַ פּויער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ וואָגן האָלץ און פֿלייסיק אונטערגעשמיצלט דאָס פֿערדל. דער פּויער האָט זיך אַזוי נידעריק פֿאַרנויגט פֿאַר אַנדערסן, אַז ער האָט זיך שיער האַלדז־און־נאַקן ניט געבראָכן, נאָר אַנדערס איז שנעל דורכגעלאָפֿן פֿאַרבייַ אים.

דאָרט, ווו מען פֿאַרקערעוועט בייַם שליאַך, האָט אַנדערס אָנגעיאָגט דעם שוסטערס זון, לאַסן.

לאַסן איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשער יונג און האָט שוין געטראָגן הויכע שטיוול און געהאַלטן אַ טאַשנמעסערל אין באַלעווע. ער האָט פּשוט קיין אויג ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פֿון היטעלע, זיך נישט אייַנגעהאַלטן און אַ ריר געטאָן דאָס בלויע קוטאַסל.

— הער נאַר, לאָמיר זיך בייטן! — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיר געבן מיין טאַשנטעכעל, און דו גיב מיר דיין היטעלע.

ביי לאַכן איז געווען אַ זעלטן מעסערל, כּמעט דאָס קלינגל איז געווען צעבראָכן אויף דער העלב, און דאָס קלעצל איז געווען אַ ביסל קאַליע. אַנדערס האָט געוווסט, אַז ווער עס האָט אַ טאַשנמעסערל, הייסט שוין כּמעט אַ גרויסער, דאָך קומט עס ניט צום היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אויסגעאַרבעט.

— ניין, איך וויל ניט, — האָט אַנדערס געענטפערט, האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעזעגנט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

באַלד נאָך דעם האָט אַנדערס באַגעגנט אַן אַלטע שוואַכע פרוי. זי האָט אַזוי נידעריק זיך אַ בוק געטאָן פאַר אים, אַז איר קלייד האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַ פּענכער. און זי זאָגט צו אַנדערסן:

— דאָס היטעלע פּאַסט אים אַזוי, כּמעט נעם גיי צום קייסער אויפן באַל.

— און פאַרוואָס טאַקע ניט? — האָט אַנדערס אַ טראַכט געטאָן, — אויב איך בין יאָ אַזוי שיין, פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט גיין צום קייסער?

און ער איז אַוועק צום קייסערס פּאַלאַץ.

פאַרן פּאַלאַץ זיינען געשטאַנען צוויי גרענאַדירן אין בלאַנקענדיקע קאַסקעס און מיט ביקסן אין די הענט. אַז אַנדערס איז צו זיי צוגעקומען, האָבן זיי אויס-געצויגן די ביקסן און אָנגעשטעלט אויף אים.

— האַלט! ווער גייט? — האָט איין גרענאַדיר אַ געשריי געטאָן.

— דאָס בין איך, — האָט אַנדערס געענטפערט, — איך גיי צום קייסער אויפן באַל.

— מע טאָר ניט, — האָט דער צווייטער גרענאַדיר אַ זאָג געטאָן און גע-מאַכט אַ שריט צו אַנדערסן, — אַהער לאָזט מען אַריין נאָר מענטשן אין מונדירן.

גראָד אין דער מינוט איז די פּרינצעסין אַרומגעשפּרונגען איבערן הויף, אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קליידל מיט אַ בלויען באַנד. דערזען אַנדערסן לעבן די גרענאַדירן, איז זי צו צו זיי.

— אַך, — האָט זי געזאָגט, — ער טראָגט אויפן קאָפּ אַזאַ שיין היטעלע, און דאָס איז אַלץ איינס, ווי אַ מונדיר.

און זי האָט גענומען אַנדערסן פאַר דער האַנט און זיך געלאָזט גיין מיט אים איבער די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּ.

לענג־אויס זיינען געשטאַנען דאַמען און קאַוואַליערן, אויסגעפּוצט אין זייד און סאַמעט, און האָבן זיך צו זיי נידעריק געבוקט. זיי האָבן געזען דאָס היטעלע אויף אַנדערסן, און האָבן גערעכנט, עס דאַרף געווים זיין אַ פּרינץ.

אין סאַמע עק פונם גרויסן זאַל איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ סך גאָלדע־נע בעכערס און קרעדענצן און אויף גרויסע זילבערנע טאַצן זיינען געלעגן גאַנצע בערג לעקעך און טאָרט. די פּרינצעסין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אונטער אַ בלויער חופּה, באַפּוצט מיט רויזן־גירליאַנדעס, און אַנדערסן האָט זי אַוועקגעזעצט אויף אַ צווייטער גאָלדענער שטול.

— איידער דו וועסט זיך אָבער נעמען צום עסן, מוזטו אויסטאָן דאָס הי־טעלע, — האָט די פּרינצעסין געזאָגט, און עס געוואָלט ביי אים אַראָפּנעמען פון קאָפּ.

— אָ, איך ווייס, ווי אַזוי מע דאַרף זיצן ביים טיש, — האָט אַנדערס גע־ענטפערט און שטאַרק צוגעהאַלטן דאָס היטעלע מיט ביידע הענטלעך, וויל ווער וואָלט אים געקאָנט פאַרויכערן, אַז ער וועט עס באַקומען צוריק, אויב ער וועט עס אַוועקגעבן?

— הער נאָר, — האָט די פּרינצעסין געזאָגט, — גיסטו מיר דיין היטעלע, גיב איך דיר אַ קוש.

די פּרינצעסין איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע, אירער אַ קוש איז געווען אַ פאַרגעניגן. אַנדערס אָבער וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט ניט אָפּגעגעבן דאָס היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אים געמאַכט, און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

האָט אים די פּרינצעסין אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט שטרודל, אים אָנגעטאָן אויפן האַלדז איר שווערע גאָלדענע קייט, זיך איינגעבויגן און אים

א קוש געטאָן. אַנדערס אָבער האָט זיך נאָך טיפער אַרייַנגעזעצט אין שטול און ניט אַראָפּגענומען זיינע הענטלעך פונעם היטעלע.

אין דעם האָט זיך די טיר ברייט געעפנט, און דער קייסער איז אַרייַנגעקומען מיט זיין סוויטע, אַלע אין בלאַנקענדיקע מונדירן און אין קאַסקעס מיט פעדערן. דער קייסער אַליין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּורפּור-מאַנטל, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט מיט אַ שלייף איבער דער דיל. אויפן קאָפּ האָט דער קייסער געטראָגן אַ גרויסע, גאָלדענע קרוין.

דערזען אַנדערסן אויף דער גאָלדענער שטול, האָט דער קייסער אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ, — האָט אַנדערס געענטפערט, — די מאַמע האָט עס מיר אויסגעאַרבעט פון דער בעסטער וואָל, — און יעדערער האָט חשק דאָס אויסנאַרן ביי מיר.

— נו, אָבער מיט מיר וועסטו געווים זיך בייטן, — האָט דער קייסער געזאָגט און אַראָפּגענומען פון קאָפּ זיין גרויסע שווערע קרוין.

אַנדערס האָט גאָרניט געענטפערט, איז אַלץ געזעסן און צוגעהאַלטן מיט ביידע הענטלעך זיין היטעלע, וואָס יעדערער האָט חשק געהאַט ביי אים אויסנאַרן.

נאָר אַז דער קיניג מיט דער גילדערנער קרוין אין די הענט איז צוגעגאַנגען צו אים נעענטער, איז אויף אַנדערסן אָנגעפאַלן אַ שרעק, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געפילט. דער קיניג קאָן דאָך טאָן אַלץ, וואָס ער וויל!

מיט איין שפרונג איז אַנדערס אַראָפּ פון שטול, זיך אַ לאָז געטאָן פייל אויסן בויגן דורך דעם זאַל, איבער די טרעפּ, איבערן הויף.

ער איז געלאָפן אַזוי שנעל, אַז דער פּרינצעסינס קייטעלע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין האַלדז און אַלע שטיקער שמרודל זיינען אַרויסגעפאַלן פון זיין קעשענע.

נאָר זיין היטעלע איז ביי אים געבליבן גאַנץ. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געלאָפן אַהיים, האָט ער עס צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט.

געקומען אַהיים, איז ער אַרויף גלייך צו דער מאַמען אויף די קני און

דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און ווי מע איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אָפּגעבן זיין היטעלע.

די ברידער און שוועסטער זיינען געשטאַנען אַרום מיט אָפענע מיילער און געהערט, וואָס אַנדערס האָט דערציילט.

נאָר אַז דער עלטערער ברודער האָט דערהערט, ווי ער האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן דאָס היטעלע אַפילו דעם קיניג פאַר דער גאָלדענער קרוין, האָט ער געזאָגט, אַז אַנדערס איז אַ נאַר: אַ ווערטעלע, וויפיל גוטע זאַכן וואָלט מען געקאָנט באַקומען פאַר דער קרוין; אַנדערס וואָלט דעמאָלט געקאָנט האָבן נאָך אַ שענער היטעלע.

אַנדערס איז רויט געוואָרן, ווי אַ צוויק. דאָס איז אים גאָר אויף די געדאַנקען ניט אַרויפגעקומען. ער האָט זיך איינגעגראָבן מיטן קעפּל אין דער מאַמעס אַקסל און זי אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, איך בין אַ נאַר?

די מאַמע האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— ניין, מיין קליין ווגעלע, — האָט זי געזאָגט, — ווען אַפילו זאָלסט זיין אָנגעטאָן אין גאָלד און זילבער פון קאָפּ ביז די פיס, וואָלסטו אויך דעמאָלט ניט אויסגעזען אַזוי שיין, ווי איצט, אין דיין קליין רויט היטעלע!



שלומפערל.

1. דער מוטערס טויט.

ביי אַרייכן מענטשן איז קראַנק געוואָרן די ווייב און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. פאַרן טויט האָט זי צוגערופן איר איינאיינציק טעכטערל צום בעט און האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— מיין קינד, איך שטאַרב, און דו בלייבסט איינע אַליין אַ יתומה. פאָלג־זשע, וואָס דער טאַטע וועט הייסן, וואָס גוטע, פרומע לייט וועלן הייסן, און זיי אַליין אויך אַ גוטע און אַ פרומע, וועט דיר דער אייבערשטער ניט פאַרלאָזן, און איך וועל אויך אויף דיר פון הימל השגחה געבן.

באַלד נאָך דעם האָט די מוטער צוגעמאַכט די אויגן און איז געשטאָרבן. דאָס מיידעלע האָט זיך שטאַרק צום האַרצן גענומען, איז אַלע טאָג אויף דער מאַמעס קבר געגאַנגען, האָט דאָרט גאָט געבעטן און איז פאַרבליבן אַ גוטע און אַ פרומע.

אַז ס'איז געוואָרן ווינטער, האָט דער שניי אַ ווייסע דעקע איבערן קבר אויסגעשפרייט. און אַז די זון האָט אין פרילינג די דעקע צוריק אַראָפּגעצויגן, האָט דער פאָטער אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט.

2. דאָס צונעמעניש „שלומפערל".

די שטיפמוטער האָט אירע צוויי אייגענע טעכטער מיט זיך אין שטוב אַריינגעבראַכט. זיי זיינען געווען שיינע מיידלעך מיט קלאָרע געזיכטער, אָבער מיט שלעכטע און פאַרדאָרבענע הערצער. און פאַר דער יתומה האָט זיך פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן זייער אַ שלעכטע צייט.

— מיר ווילן ניט, — האָבן די שטיפשוועסטער געזאָגט, — אַז די נאַרישע מויד זאָל וווינען אין איין קאַמער מיט אונדז. דער, וואָס וויל עסן, דאַרף זיין ברויט פאַרדינען. זאָל זי זען אַרבעטן אויפן קיך.

זיי האָבן ביי דער יתומה אָפּגענומען אירע שיינע קליידער, איר געגעבן אַן אַלטן כאַלאַט און אַ פּאָר הילצערנע פּאַנטאָפל.

— זעט נאָר די שיינע פּרינצעסין, ווי פּאַרפּוצט זי איז! — האָבן זיי געזאָגט און זיך פונאַנדערגעלאַכט, און אַרויסגעפירט זי אין קיך אַרויס.

דאָ האָט דאָס מיידל אַלע שווערע אַרבעט געמוזט טאָן: אויפשטיין פאַרטאָג און אָנטראָגן וואַסער, הייצן דעם אויוון, קאָכן און וואַשן. אויסער דעם, האָבן איר די שטיפשוועסטער קאָלאָצולאָכעס אָפּגעטאָן, האָבן זי געמאַכט צו שפּאָט, און די אַרבעס מיט די לינדזן אין אַש אַריינגעשאָטן, כדי זי זאָל זיי דאַרפן אויסקלייבן. זיי האָבן איר קיין קישן און קיין בעט ניט געגעבן, און נאָך דער מאָגיקער פּראַצע האָט זי קיין אָרט ניט געהאַט, וווּ צו שלאָפן, סיידן הינטערן אויוון אויף דער ערד אין מיסט און אין אַש. איז זי שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשמוצטע, און די שטיפשוועסטער האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „שלומפּערל“.

3. דעם פאָטערס מתּנה.

איינמאָל האָט זיך דער פאָטער געקליבן פאָרן אויף אַ יריד. האָט ער געפרעגט ביי די שטיפטעכטער:

— וואָס פאַר אַ מתנות פאַרלאַנגט איר, זאָל איך אייך ברענגען?

האָט איינע געזאָגט: „שיינע קליידער“, די צווייטע — „פּערל און בריליאַנטן“.

— און דו, שלומפּערל, וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— גאָרנישט, פאָטער, — האָט זי געענטפערט, — ברעך פאַר מיר נאָר אָפּ די ערשטע צווייג, וואָס וועט ביי דיר צוריקפאָרנדיק דעם הוט אַראָפּרייסן.

אויפן יריד האָט דער פאָטער פאַר די שטיפטעכטער געקויפט פּערל און בריליאַנטן און שיינע קליידער, און פאַר דער שלומפּערל — גאָרנישט. נאָר אַז ער

איז געפֿאָרן צוריק אַהיים דורך אַ גרינעם וועלדיל, האָט אים אַ צווייג פֿון אַ נוס־בוים פֿאַרטשעפּעט און אַראָפּגעריסן דעם הוט פֿון קאָפּ. האָט ער אָפּגעשטעלט דעם פֿערד און אָפּגעבראָכן די צווייג פֿאַר דער טאָכטער.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער די שטיפֿטעכטער אָפּגעגעבן, וואָס ער האָט פֿאַר זיי געבראַכט, און דער שלומפֿערל האָט ער געגעבן די צווייג. שלומ־פֿערל האָט זייער שיין באַדאַנקט פֿאַר דער מתּנה. זי האָט גענומען די צווייג, האָט זי פֿאַרזעצט אויף דער מוטערס קבֿר און באַגאָסן מיט ביטערע טרערן. די פֿלאַנצונג האָט זיך גוט צוגענומען, און אַ שיינער בוים איז פֿון איר אויסגעוואַקסן. שלומפֿערל איז דריי מאָל אַ טאָג געגאַנגען צו דעם בוים אויסוויינען זיך און גאָט בעטן. און יעדעס מאָל, ווען זי פֿלעגט קומען, פֿלעגט זיך אויפֿן בוים באַווייזן אַ ווייס פֿייגעלע, און אַז שלומפֿערל האָט עפּעס פֿאַרלאַנגט, האָט איר דאָס פֿייגעלע תּיכּף געגעבן אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט.

אינדערהיים האָט שלומפֿערל גאָרניט דערציילט וועגן דעם גוטן, ווייסן פֿייגעלע.

4. דער באַל אין קיניגלעכן שלאָס.

איין מאָל האָט דער קיניג געמאַכט אַ באַל אין זיין שלאָס. דריי טעג נאָכ־אַנאַנד האָט דער באַל געדויערט, און אַלע מיידלעך פֿון לאַנד זיינען אויף אים איינגעלאַדן געוואָרן, כּדי דעם קיניגס זון זאָל זיך קאָנען אַ כּלה אויסקלייבן. די צוויי שוועסטער האָבן דערהערט, אַז זיי דאַרפֿן אויך קומען אויפֿן באַל, האָבן זיי זיך זייער געפֿרייט. זיי האָבן גערופֿן די שלומפֿערל פֿון קיך און האָבן איר געהייסן:

— שלומפֿערל, צוואָג אונדז אויס! שלומפֿערל, מאַך אַ גלאַנץ אויף די שיך, טו אונדז אָן די שענסטע קליידער אונדזערע! מיר גייען אויף אַ חתונה אין קיניגלעכן שלאָס אַריין.

שלומפּערל האָט געטאָן אַלץ, וואָס די שוועסטער האָבן איר געהייסן. אָבער איר איז זייער אומעטיק געװען אויפן האַרצן, ווייל זי האָט אַליין אויך גרויס חשק געהאַט צו גיין אין קיניגלעכן שלאָס און טאַנצן דאָרט מיט אַלעמען צו־גלייך. איז זי געקומען צו דער שטיפמוטער און געבעטן, מ'זאָל זי מיטנעמען. האָט זיך די שטיפמוטער אָנגעבייזערט אויף איר:

— שלומפּערל דו! ביסט דורך אין שטויב און אין שמוץ, און ווילסט גיין אויף דער חתונה; האָסט קיין קליידער און קיין שיך ניט, און ווילסט טאַנצן!

אָבער דאָס מיידל האָט געבעטן. האָט די מוטער, כלומרשט, ניט ווילנדיק אַ שטויס געטאָן אַ שיסל מיט לינדזן; די שיסל האָט זיך אומגעקערט, און די לינדזן האָבן זיך צעשאָטן איבערן אַש.

— נו, רעכט, — האָט די שטיפמוטער געזאָגט, — אויב דו קלייבסט אויס די לינדזן פון דעם אַש פאַר צוויי שעה צייט, גייסטו מיט אין קיניגלעכן שלאָס אַריין.

5. די הילף פון די טייבעלעך.

דאָס מיידל איז דורך דער הינטער־טיר אַרויס אין גאָרטן און גענו־מען רופן:

— איר ליבע טייבעלעך און טורקל־טייבעלעך און אַלע פייגעלעך אונ־טערן הימל! קומט און העלפט מיר די לינדזן קלייבן —

די גוטע אין טעפּעלע,

די ווערעמדיקע אין קרעפּעלע.

תיכף זיינען צוויי ווייסע טייבעלעך געקומען צו פליען, און נאָך זיי — די טורקלטייבעלעך, און נאָכדעם — אַלע פייגעלעך אונטערן הימל. זיי זיינען דורכן פענצטער אַריינגעפלויגן אין קיך אַריין און אַראָפּגעלאָזן זיך לעבן אויוון אויפן אַש. די טייבעלעך האָבן אָנגעהויבן די קעפּעלעך און מיט די שנעבעלעך — פּיק, פּיק, פּיק, פּיק; און נאָך זיי האָבן אויך די איבעריקע פייגעלעך אָנגע־

הויבן: פּיק, פּיק, פּיק, פּיק, און האָבן אַלע גוטע לינדזועלעך געקליבן אין שיסל אַריין. ס׳האָט קיין שעה ניט געדויערט, זיינען זיי שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און אַוועקגעפלויגן. דאָס מיידל האָט גענומען די שיסל און איז צו דער שטיפמוטער אַוועק. זי האָט זיך זייער געפרייט, ווייל זי האָט געהאָפט, אַז איצט וועט מען איר שוין מיטנעמען אויף דער חתונה.

6. די פאַלשע האָפענונג.

אָבער די שטיפמוטער האָט געזאָגט:

— ניין, שלומפּערל, דו האָסט קיין קליידער ניט, און דו קענסט ניט טאַנצן, די געסט וועלן פון דיר נאָר אָפּלאַכן.

אַז דאָס מיידל האָט זיך צעוויינט מיט בימוערע טרערן, האָט די שטיפּמו־טער ווידער געזאָגט:

— אויב דו וועסט מיר צוויי שיסל לינדזן אויסקלייבן פון דעם אַש אין איין שעה צייט, גייסטו מיט אונדז אויף דער חתונה.

און פאַר זיך האָט זי בעת מעשה געטראַכט: „דאָס וועט זי געווים ניט קאָנען". נאָר אַז זי האָט די צוויי שיסל לינדזן אין אַש אויסגעשאָטן, איז שלומ־פּערל אַרויס דורך דער הינטער־טיר אין גאָרטן און האָט אָנגעהויבן רופן:

— איר ליבע טייבעלעך און טורקלטייבעלעך און אַלע פייגעלעך אונטערן הימל! קומט און העלפט מיר די לינדזן אויסקלייבן —

די גוטע אין טעפּעלע,
די ווערעמדיקע אין קרעפּעלע.

תיכף זיינען דורכן קיכפענצטער אַנגעפלויגן צוויי ווייסע טייבעלעך, און נאָך זיי די טורקלטייבעלעך, און נאָכדעם אַלע פייגעלעך אונטערן הימל. די טייבעלעך האָבן אָנגעבויגן די קעפּעלעך און מיט די שנעבעלעך אָנגעהויבן: פּיק, פּיק, פּיק, פּיק. און נאָך זיי האָבן אויך די איבעריקע פייגעלעך אָנגעהויבן: פּיק, פּיק, פּיק, פּיק, און האָבן אַלע גוטע לינדזועלעך געקליבן אין שיסל אַריין. עס

האָט קיין האַלבע שעה ניט געדויערט, האָבן זיי שוין די גאַנצע לינדון אויסגע=קליבן פון דעם אַש, און זיינען זיך צעפלויגן. דאָס מיידל האָט ביידע שיסלען לינדון צו דער שטיפמוטער געבראַכט. זי האָט זיך זייער געפרייט, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז איצט וועט זי שוין געוויס מיטגיין אויף דער חתונה. אָבער די שטיפמוטער האָט איר געזאָגט:

— ניין, שלומפערל, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. דו וועסט מיט אונדז ניט גיין, וואָרעם דו האָסט קיין קליידער ניט און דו קענסט ניט טאַנצן. מיר וועלן זיך שעמען מיט דיר.

און ביי די ווערטער האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן, האָט גענומען אירע אייגענע צוויי טעכטער און איז מיט זיי אַוועק אין קיניגלעכן שלאָס אַריין.

7. שלומפערל אויפן באַל.

אַז שלומפערל איז געבליבן אַליין, איז זי אַוועק צו איר מוטער אויפן קבר, האָט זיך געשטעלט אונטער דעם נוס=בוים און האָט געזאָגט:

„טרייסל זיך, טרייסל זיך, מיין ביימעלע,
וואַרף גאָלד און זילבער דיין יתומהלע."

גלייך האָט איר דער פויגל אַראָפּגעוואָרפן אַ גאָלדענע און אַ זילבערנע קלייד און מיט זייד און זילבער אויסגענייטע שיך. זי האָט זיך אָנגעטאָן די שיינע קלייד און איז אַוועק אויף דער חתונה. די שטיפשוועסטער און די שטיפ=מוטער האָבן זי ניט דערקענט. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ פרעמדע פרינצעסין געקומען פון אַ ווייטן לאַנד, — אַזוי שיין האָט זי אויסגעזען אין דער גאָלדענער קלייד. אַז דאָס זאָל זיין שלומפערל, איז זיי גאָר אויפן זינען ניט גע=קומען. זיי האָבן געמיינט, אַז זי זיצט אין דער היים אין שמוץ און אין אַש און קלייבט די לינדון אין שיסל.

אַז דעם קיניגס זון האָט זי דערזען, איז ער איר אַנטקעגן געגאַנגען, האָט זי אָנגענומען פאַרן האַנט און איז מיט איר אַוועק טאַנצן. מיט אַנדערע האָט ער

שוין מער ניט געטאַנצט, ער האָט איר האַנט פון זיינער ניט אַרויסגעלאָזן. אַז עמעצער אַנדערש האָט זי געוואָלט אײַנלאַדן, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז מײַן טענצערין".

אַזוי האָבן זיי געטאַנצט, ביז עס איז געוואָרן אָוונט. דעמאָלט האָט שלום־פּערל געוואָלט גיין אַהיים. אָבער דעם קיניגס זון האָט געזאָגט:

— איך גיי דיך באַגלייטן.

ער האָט געוואָלט וויסן, צו וועמען געהערט דאָס שיינע מיידל. נאָר שלום־פּערל האָט זיך פון אים אין וועג אָפּגעגנבעט און איז אַריינגעשפּרונגען אין טויבנשלאַק. האָט דעם קיניגס זון געוואַרט, ביז איר פאָטער איז געקומען און האָט אים דערציילט, אַז דאָס שיינע מיידל איז אין טויבנשלאַק אַריינגעשפּרונגען. דער אַלטער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אפשר איז דאָס שלומפּערל?" האָט ער געהייסן ברענגען אַ האַק און דעם טויבנשלאַק צעשפּאַלטן. נאָר אינעווייניק איז קיינער ניט געווען. און אַז אַלע זיינען אַהיים געקומען, אין שלומפּערל אין איר שמוציקן כאַלאַט הינטערן אויוון געלעגן, און אין קיך האָט אַ טונקל אייל־לעמפּעלע געברענט. וואָרעם שלומפּערל איז געשווינד פון הינטער דעם טויבנשלאַק אַרויסגעשפּרונגען און צו דעם נוס־בוים אַוועק. דאָרט האָט זי די שיינע קליידער אויסגעטאָן און אויף דעם קבר אַוועקגעלייגט. דער פויגל האָט זיי גלייך צוגענומען. דערנאָך האָט זי איר גרויען כאַלאַט אָנגעטאָן און האָט זיך הינטערן אויוון געזעצט.

8. דער צווייטער אָוונט אויפן באַל.

אויפן צווייטן טאָג איז די שטיפמוטער מיט אירע טעכטער ווידער אין קיניגלעכן שלאָס אַוועק. אַז שלומפּערל איז אַליין געבליבן, איז זי אַוועק צו דער מוטערס קבר און האָט זיך געשטעלט אונטערן נוס־בוים און האָט געבעטן אַזוי ווי נעכטן:

„טרייסל זיך, טרייסל זיך, ביימעלע,
וואַרף גאָלד און זילבער דיין יתומהלע".

תיכף האָט איר דער פויגל אַ קלייד אַראָפּגעוואָרפּן, וואָס איז פיל שע־נער געווען, איידער דאָס נעכטיקע. און אַז שלומפּערל האָט זיך אין אים באַוויזן אויף דער חתונה, זיינען אַלע געסט אויסער זיך געווען פון איר שיינקייט. דעם קיניגס זון האָט שוין האָט אויף איר געוואַרט. ער האָט זי גענומען פאַרן האַנט און האָט די גאַנצע צייט נאָר מיט איר אַליין געטאַנצט. אַז אַנדערע האָבן זי געוואָלט איינלאַדן, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז מיין טענצערין".

אין אָוונט האָט זי געוואָלט גיין אַהיים. דעם קיניגס זון איז איר נאָכגע־גאַנגען. האָט זי אַ שפּרונג געטאָן און איז אין גאָרטן אַריין. דאָרט איז געשטאַ־נען אַ בוים, וואָס אויף אים זיינען פיינע בערנעס געהאָנגען. זי האָט אַרויפגעקלע־טערט אויפן בוים צווישן די צווייגן געשווינד, ווי אַ קאַץ. דעם קיניגס זון האָט נישט געוווסט, וווּ זי איז אַהינגעקומען. האָט ער געוואַרט, ביז דער פאָטער איז געקומען, און אים דערציילט: „דאָס פרעמדע מיידל איז פון מיר אַנטלאָפן, און מיר דוכט, אַז זי איז אויף דעם באַרנבוים אַרויפגעשפּרונגען". דער פאָטער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אפשר איז דאָס שלומפּערל?" האָט ער געהייסן ברענגען אַ האַק און אָפּגעשניטן דעם בוים, אָבער קיינער איז אויף אים נישט געווען. און אַז זיי זיינען געקומען אין קיך, איז שלומפּעל געלעגן הינטערן אויוון, ווי אַלע מאָל. וואָרעם זי איז פון דער אַנדער זייט בוים אַראָפּגעשפּרונגען, האָט דעם פויגל אויפן נוס־בוים די שיינע קלייד אָפּגעגעבן און דעם גרויען כאַלאַט אָנגעטאָן.

9. דער דריטער אָוונט.

אויפן דריטן טאָג, אַז די עלטערן מיט די שוועסטער זיינען אַוועק, איז שלומפּערל ווידער געקומען צו דער מוטער אויפן קבר און האָט געזאָגט צו דעם נוס־בוים:

„טרייסל זיך, טרייסל זיך, מיין ביימעלע,
וואַרף גאָלד און זילבער דיין יתומהלע".

תיכף האָט דער פויגל איר אַראָפּגעוואָרפן אַזוינע פיינע קליידער, אַז קיי־נער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכע ניט געזען; און די שיך זיינען געווען פון גאָלד.

אַז זי האָט זיך אין דעם קלייד אויף דער חתונה באַוויזן, האָט קיינער פון די געסט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסריידן, אַזוי פאַרוואונדערט זיינען זיי געווען. דעם קיניגס זון האָט די גאַנצע צייט נאָר מיט איר אַליין געטאַנצט, און אַז עמעצער אַנדערש האָט זי איינגעלאַדן, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז מיין טענצערין".

אין אָוונט האָט שלומפּערל געוואָלט גיין אַהיים, איז דעם קיניגס זון איר נאָכגעגאַנגען צו באַגלייטן. אָבער זי איז אַזוי געשווינד אַוועקגעלאָפן, אַז ער האָט זי ניט געקאָנט דעריאָגן. איז ער געפאַלן אויף אַ שכל: ער האָט געהייסן די גאַנצע טרעפּ אויסשמירן מיט פּעך. און אַז שלומפּערל האָט אַ שפּרונג געטאָן צו אַנטלויפן, איז ביי איר דער לינקער שוך פון פוס אַראָפּגעפאַלן און איז געבליבן צוגעקלעפּט צו די טרעפּ. דעם קיניגס זון האָט אים אויפגעהויבן, ערשט ער איז געווען זייער אַ קליינינקער, אַ שיינינקער און אינגאַנצן פון גאָלד.

10. דעם קיניגס זון זוכט זיין כלה.

אויף מאָרגן איז דעם קיניגס זון אַוועק צום פאָטער און האָט געזאָגט:

— איך וויל חתונה האָבן אַנדערש ניט מיט דער מיידל, וואָס דער שוך וועט איר פּאַסן צום פוס.

און ער איז אַוועק זוכן דאָס מיידל, וואָס דער שוך זאָל איר פּאַסן צום פוס.

אַז ער איז צו שלומפּערלס פאָטער געקומען, האָבן זיך דיביידע שטיפטעכטער זייער דערפרייט, וואָרעם זיי האָבן געהאַט שיינע פיס. די עלטערע האָט דעם שוך גענומען און איז מיט דער מוטער אַרויס אין אַ קאַמער אָנצופּאַסן. אָבער זי האָט דעם שוך ניט געקאָנט אָנטאָן, ווייל דער גראָבער פינגער איז ניט אַריין. האָט איר די מוטער דערלאַנגט אַ מעסער און געזאָגט.

— האַק אָפּ דעם גראָבן פינגער; ווען דו ביסט אַ קיניגין, דאַרפסטו סיי־ווי מער ניט גיין צו פוס.

דאָס מיידל האָט אָפּגעשניטן דעם פינגער, קוים אַריינגעשפּאַרט די פוס אין שוך, פאַרדריקט דעם ווייטאָג אין האַרצן און איז צום קיניגס זון אַרויס. ער האָט זי אויפן פערד אַרויפגענומען, ווי זיינע אַ כלה, און איז מיט איר

אַוועקגעריטן. זיי האָבן אָבער געמוזט פאַרבײַפאָרן דעם קבר פון שלומפערלס מוטער, און דאָן זײַנען צוויי טײַבעלעך אויף דעם נוס=בוים געזעסן און גערופן:

„ווידער גיי זוך, ווידער גיי זוך,
בלוט איז אין שוך,
דער שוך איז צו קליין,
די אמתע כלה זיצט נאָך אינדערהיים".

11. די פאַלשע כלות.

דעם קיניגס זון האָט אַ בליק געטאָן אויף דער כלהס פוס, ערשט דאָס בלוט פלייצט פון שוך און פאַרבט רויט די ווייסע זאָקן ביז אַרויף. תיכף האָט ער פאַרקירעוועט דעם פערד און די פאַלשע כלה צוריק אָפּגעפירט אַהיים.

— דאָס איז ניט די אמתע כלה, — האָט ער געזאָגט, — זאָל די צווייטע שוועסטער דעם שוך אָנמעסטן.

באַלד איז די צווייטע שוועסטער אַרויס מיט דער מוטער אין אַ קאַמער און האָט גענומען מעסטן דעם שוך. אָבער די פּיאַטע איז בײַ איר צו גרויס געווען און איז אין שוך ניט אַרײַן. דאָ האָט די מוטער איר אַ מעסער דערלאַנגט און געזאָגט:

— האַק אָפּ די פּיאַטע. סײַ ווי דאַרפסטו מער ניט גיין צו פוס, ווען דו ווערסט אַ קיניגין. דאָס מיידל האָט אָפּגעהאַקט אַ שטיק פּיאַטע, מיט צרות אַרײַנגעשפּאַרט די פוס אין שוך, דעם ווייטאָג אין האַרצן פאַרדריקט און איז אַרויס צום קיניגס זון, וועלכער האָט זי, ווי אַ כלה, אַרויפגענומען אויפן פערד און איז מיט איר אַוועקגעריטן. אַז זיי זײַנען פאַרבײַ דעם נוס=בוים געריטן, זײַנען דאָרט געזעסן די צוויי טײַבעלעך און האָבן געזאָגט:

„ווידער גיי זוך, ווידער גיי זוך,
בלוט איז אין שוך,
דער שוך איז צו קליין,
די אמתע כלה זיצט נאָך אינדערהיים".

דער קיניגס זון האָט אַ בלק געטאָן אויף דער כלהס פּוס, ערשט דאָס בלוט פליִצט פון שוך, ווי פון אַ קוואַל. תּיכּף האָט ער פאַרקירעוועט דעם פערד און האָט די פאַלשע כלה צוריק געפירט אַהיים.

12. די אמתע כלה.

דעמאָלט האָט דעם קיניגס זון געזאָגט צו שלומפּערלס פאָטער:

— דאָס איז אויך ניט די אמתע כלה. אפשר האָט איר נאָך אַ טאָכטער?

— ניין, — זאָגט דער פאָטער, — גאָר פון מיין ערשטער פרוי איז נאָך אַ קליין שמוציק שלומפּערל דאָ. עס פּאַסט אָבער ניט, אַז זי זאָל אייער כלה ווערן.

דעם קיניגס זון האָט געהייסן, מ'זאָל נאָך איר שיקן. אָבער די שטיפמוטער האָט געזאָגט: — „אַך, ניין, זי איז צופיל פאַרשלומפּערט, מ'קאָן זי ניט באַווייזן".

נאָר דעם קיניגס זון האָט דורכאויס געוואָלט זען דאָס מיידל, און מ'האָט נאָך דער שלומפּערל געמוזט שיקן. זי האָט זיך תּיכּף איינגעוואַשן די הענט און דעם פּנים. דערנאָך איז זי אַריין און האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם קיניגס זון, וואָס האָט איר דעם גאָלדענעם שוך דערלאַנגט. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ בענקעלע, פון פוס דעם שווערן הילצערנעם פאַנטאָפל אַראָפּגעוואָרפן, און דעם גאָלדענעם שוך אָנגעמאָסטן — ער איז געלעגן אויסגעגאָסן. און אַז זי האָט זיך צוריק געשטעלט, און דעם קיניגס זון האָט איר אין געזיכט דערזען, האָט ער תּיכּף דערקענט, אַז דאָס איז דאָס שיינע מיידל, מיט וועלכער ער האָט געטאַנצט אויפן באַל, און ער האָט געזאָגט:

— אָט דאָס איז זי, די אמתע כלה!

די שטיפמוטער און ביידע שוועסטער האָבן זיך דערשראָקן און זיינען בלאַס געוואָרן פון האַרצווייטאָג. אָבער דעם קיניגס זון האָט די שלומפּערל

אַרויפֿגענומען אויפֿן פֿערד און איז מיט איר אַוועקגעריטן. אַז זײ זײַנען פֿאַרבײַ דעם נוסבוים געריטן, האָבן די צוויי ווײַסע טײַבעלעך געוואָרקעט:

„מערער ניט זוך, מערער ניט זוך,
מ׳איז ניטאָ קיין בלוט אין שוך,
און דער שוך איז ניט צו קליין —
די אמתע כּלה פֿירט ער אַהיים״.

און גלײַך זײַנען זיי אַראָפּגעפֿלויגן פֿון בוים, האָבן זיך געזעצט בײַ דער שלומפּערל אויף די אַקסלען, איינע פֿון רעכטס, איינע פֿון לינקס, און זײַנען דאָרט געבליבן זיצן.

און שלומפּערל איז געוואָרן אַ קיניגין און האָט אַלע אירע צרות פֿאַרגעסן.

אַ מיידעלע וואָס האָט געראַטעוועט אַ צוג.

I.

די קליינע פראַניע איז געבוירן געוואָרן אין אַן אייזנבאַן=שטיבל, איר טאַטע איז געווען אַ שומר ביי דער אייזנבאַן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיידעלע איז שוין פון קינדווייז אָן געוווינט געווען צום טומל און פייפעריי פון די צוגן. זי פלעגט זיך תמיד צוקוקן, ווי דער טאַטע אירער פלעגט עטלעכע מאָל אין מעת=לעת אַרויסגיין באַגעגענען און באַלייטן די פאַרבייגייענדיקע צוגן. ביי טאָג פלעגט ער האַלטן אין האַנט אַ פענדל און ביינאַכט — אַן אָנגעצונדענע לאַמטערנע.

און פראַניען איז דער באַגעגענען די צוגן זייער געפעלן געוואָרן. ווי נאָר זי פלעגט דערהערן, אַז עס רוישט פונדערווייטנס דער לאָקאָמאָטיוו, פלעגט זי אַרויסלויפן פון שטיבל און לאָזן זיך אַנטקעגן, ביז צו די סאַמע רעלסן.

דערווייל איז זיך פראַניע אונטערגעוואַקסן, אָנגעהויבן לויפן אין שול, און אין דערזועלביקער צייט העלפן דעם טאַטן און זיין אַרבעט. זי האָט שוין געוווסט, אַז איידער עס גייט דורך אַ צוג, מוז דער טאַטע אירער אַרומקוקן אַ געוויסע שטרעקע אַרום און אַרום, צי די ליניע איז, חלילה, נישט געשעדיקט געוואָרן, צי ס׳איז שטאַרק גענוג דער בריק, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ טיפן תהום, און אַז ער פלעגט זען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אויף זיין פּאָסט מיט אַ גרינעם פענדל אין האַנט.

דאָס גרינע פענדל איז געווען אַ סימן, אַז די ליניע איז ווי עס דאַרף צו זיין, און אַז דער צוג קאָן זיך בשלום לאָזן ווייטער אין וועג אַריין. אויב אָבער דער פאָטער אירער פלעגט ערגעץ=ווו באַמערקן אַ צעשעדיקונג, דערהויפּט נאָך אַ שטאַרקן שטורעם אָדער שלאַקס=רעגן, פלעגט ער אָנהייבן פאָכן מיט אַ רויטן פענדל אַהין און אַהער, ביז דער צוג פלעגט זיך אָפּשטעלן.

פראַניע האָט זיך צוגעקוקט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די אַלע זאַכן און האָט זיך געפרייט, וואָס זי קאָן שוין ברענגען נוצן דעם פאַטער, און פלעגט אים אָפּטמאָל זאָגן מיט שטאָלץ:

— גיי, טאַטע, דו האָסט דאָך אַנדערע אַרבעט, און דעם צוג וועל איך שוין באַגעגענען אַליין.

און דאָס מיידעלע איז געווען אַזוי אויפמערקזאַם און פּינקטלעך, אַז מען האָט זיך אויף איר גאַנץ זיכער געקאָנט פאַרלאָזן.

אַזוי איז זיך אַלץ געגאַנגען כּשורה, און זיי האָבן אַלע געלעבט גאַנץ גליקלעך.

II.

מאַכט זיך אָבער איינמאָל, אַז דער פאָטער איז אין אַ שרעקלעכער זאַווע־רוכע אַרויס באַגעגענען אַ צוג און האָט זיך שטאַרק צוגעקילט. ער האָט באַ־קומען אַ לונגען־אַנטצינדונג און זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. די מאַמע איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, און פראַניע האָט שוין אַליין געמוזט אָפּהיטן יעדן צוג.

אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, איז פראַניע געוואָרן נאָך פיל אויפ־מערקזאַמער.

— גענוג שוין צו וויינען, מאַמע האַרציקע, — האָט זי געזאָגט צו דער מאַמען, — קאָנסט נאָך, חלילה, אויך קראַנק ווערן.

— אוי, טאָכטערל מיינס, האָט די מאַמע טרויעריק געענטפערט, — ס׳טוט מיר וויי דאָס האַרץ, סיי פאַר אים, וואָס ער איז אַזוי פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבן, און סיי פאַר דעם, וואָס מען וועט נאָך אונדז פון שטיבל אויך אַרויסטרייבן. אויף וואָס זשע מוז מען דאָך האָבן אַ מאַנסביל.

— פאַרוואָס זאָל מען אונדז פון דאַנען אַרויסטרייבן, מאַמע ליבע? — האָט פראַניע געפרעגט. — איך היט דאָך אָפּ יעדן צוג, און זינט דער טאַטע איז קראַנק געווען, האָב איך דאָך אַפילו איין צוג אויך נישט דורכגעלאָזן.

— פונדעסטוועגן וועט מען אונדז אַרויסטרייבן און נעמען אַ נייעם וועכטער.

אינגיכן איז אָנגעקומען דער אינספּעקטאָר פון דעם אײַזנבאַן. פראָניעס מאַמע איז אים געפאַלן צו די פיס און געבעטן, ער זאָל זיי דאָ אויך אויף ווײַ־טער איבערלאָזן.

— שוין אַ חודש איבערגעגאַנגען, און כ׳האָט זיך, דאַנקען גאָט, גאָרנישט ניט געטראָפן פאַר דער צײַט — האָט זי אַלץ געטענהט. — איך וועל מיט דער טאָכטער מײַנער אויפפּאַסן, און דערווײַל וועט אונטערוואַקסן מײַן זון און פאַר־נעמען דעם טאַטנס אָרט.

דער אינספּעקטאָר האָט רחמנות באַקומען אויף דער אָרעמער אלמנה.

— גוט, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך קאָן נאָר, — האָט ער געזאָגט — נאָר פונדעסטוועגן איז זיך זייער שווער צו באַגיין אָן אַ מאַנסביל, — וועל איך זיך מאַכן, אַז איך ווייס כלומרשט ניט, אַז אײַער זון איז נאָך אַזאַ קליינער. נאָר איך זאָג אײַך פאָראויס, אַז אויף זיכער ווייס איך נישט.

און אַזוי האָט די אָרעמע פרוי אָנגעהויבן לעבן אין איין שרעק — מען זאָל זי נישט אַרויסטרייבן פון איר ווינקעלע, און עס זאָל איר נישט אויסקומען אַוועקשלעפּן זיך איבער די הײַזער מיט אירע קליינע קינדער. און פראָניע האָט פאַר דער צײַט וווּנדער געוויזן: צווישן איין צוג און דעם אַנדערן פלעגט זי באַווײַזן לויפן אין שול צו דער באַשטימטער צײַט און נאָכדעם שוין ווידער אין דער ריכטיקער מינוט שטיין אויף איר פּאָסט און באַגלייטן די לאַנגע, שוואַרצע שערענגע וואַגאָנעס, וואָס פלעגן זיך אַוועקשלענגלען איבער בערג און וועלדער.

.III

מאַכט זיך איינמאָל חנוכה־צײַט אַ שרעקלעכער שטורעמדיקער טאָג. פון אינדערפרי אָן האָט געשאָטן אַ שניי, און אַ מעטעליצע האָט געדרייט, און פאַרנאַכט־צו האָבן מוראדיקע ווינטן אָנגעהויבן אַזוי אימהדיק פּייפן אין די בערג.